בס"ד
פרשת
בלק
י"ד תמוז תשפ"ד
פרקי אבות פרק ו'

| הדלקת נרות | מוצ"ש גאונים | מוצ"ש ר"ת |
|---|---|---|
| 8:51 | 10:13 | 10:21 |

Tel: 020 39 815 815

# שרה בשבתו

לל לאנדאן



מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ - שֶׁרָאָה פִּתְחֵיהֶם שֶׁאֵינָן מְכֻוָּנִין

## וויאזוי
## מאכט מען היינט חתונה?

אן אפענע שמועס מיטן מחותן **הר"ר יהושע האנשטטר הי"ו** - וועלכער גרייט דיך חתונה צו מאכן צוויי קינדער - איבער די חתונה קרידיס און די לעזונג דערצו

## א ליכטיגקייט וואס שיינט

אריינבליק אינעם לעבן פונעם **אור החיים הקדוש** לרגל דעם יארצייט ט"ו תמוז

וּבַגּוֹיִם לֹא יִתְחַשָּׁב

## קיינמאל. נישט. אויפגעבן.

## דער טיפער באדייט פון די דריי ווערטער

ליינט א העכסט-רירנדע געשיכטע - וועלכע האט זיך לעצטנס אפגעשפילט אינערהאלב **די מארס אפיסעס**

וְזַרְעוֹ בְּמַיִם רַבִּים - לְשׁוֹן הַצְלָחָה הוּא

## לאנדאנ'ס חדר

תושבי לאנדאן שליסן זיך אן אינעם קאמפיין לטובת **'תלמוד תורה דלאנדאן'** וועלכע דינט אלע תושבי לאנדאן

# אינהאלט

נומער #463 // פר' חקת תשפ"ד לפ"ק


3 רעדאקטאר'ס טישל
4 למעשה גערעדט
6 על הפרק
8 מללו מילא
14 פאראזצונג
20 חמרא טבא
20 ותימרון חידושא
34 הילולא דצדיקיא
35 ותימרון חידושא
35 לעטר פתורא
48 מחשבות
51 מתיקא כדובשא
57 ואלין מליא
58 ווער געדענקט
59 למען תספר














**קלארשטעלונג:** שבת בשבתו אויסגאבע איז געאייגענט אהיימצונעמען לכבוד שבת פאר די משפחה צו הנאה האבן און נישט צו טראגן אין די בתי מדרשים און זיכער נישט צו ליינען בשעת'ן דאווענען.


# שבת בשבתו



Unit 4 2a Northfield Road,
London N16 5RN
Tel: 020 39 815 815
Fax: 020 3670 3882
Email: shabboslondon@gmail.com


© כל הזכיות שמורות

**אפיס שעות:**
**מאנטאג ביז מיטוואך:** פון 2 ביז 6 נאכמיטאג,
**דאנערשטאג:** פון 1 מיטאג ביז 11 ביינאכט

אין אנדערע שעות ביטע לאזט א מעסעדזש
און מיר ווען אייך צוריקרופען

**מודעות דעדליין:**
**גרייטע מודעות:** 8:00 דאנערשטאג נאכט.
מודעות וואס דארפן נאך **א נוסח אדער דעזיין:**
4:00 דאנערשטאג נאכמיטאג

עס איז ראטזאם צו רעזערווירן ווי פריער
אייך צו קענען צושטעלן די בעסטע סערוויס

**אונזער גליון איז דא צו באקומען יעדע וואך ביי די פאלגענדע אדדרעסן:**

| | |
|---|---|
| Tannug - St Kildas Road | Getters Dunsmure Road |
| Watermint Grocery | Kol Tov - Dunsmure Road |
| Makolet - High St | Breuer & Spitser |
| Outside 52 Darenth | Egg Stores |
| Outside 41 Leadale Road | Kosher Mart – Craven Park Rd |
| 86 Cazenove Road סאטמאר | Carmel - 111 Craven Park Road |
| 42 Craven Walk סאטמאר | Carmel - 143 Clapton Common |
| 67 Heathland Road סאטמאר | Koshernet |
| 47 East Bank סקווירא | Indigs Bakery |
| 87 Egerton Road באבוב | Kosher Spot |
| 11 Elm Park Avenue חברה ש"ס | Kleins mini market |
| 121 Clapton Common ויזניץ לונדון | 89 Stamford Hill וויזניץ |
| 26 Lampard Grove פשעווארסק | Stamford Lodge |
| 45 Moundfield Road ביאלא | Warwick Court |
| Vartery area ביהמ"ד קנה בושם | Yetev Lev Court |
| 45 Heathland Road פינטער'ס | Carlton Mansions |
| ביהמ"ד אבני קודש 34 Theydon Road | Symour Ct |
| 33 Paget Road רוזין | Fairview Grocery |
| | Berrys Holmwood |
| | Hatzlacha Grocery |

**מקואות און געשעפט אייגנטומער:** פאר סיי וועלכע הערות אדער אינפארמאציע בנוגע דעליווערי'ס און דיסטריביושען ביטע רופט: 07894907879

נופל וגלוי עינים //

# זיך שלאגן עד הסוף!

א האלבע אינטש ווייטער וואלט ער געווען דערנאך! נישט סתם 'ער' וואלט געווען דערנאך, דאס גאנצע לאנד וואלט געווען אויף רעדער, און מ'קען אפילו זאגן אזש אפילו די ארומיגע לענדער וואלטן אויך געפילט די נאכווייען.

די קאווע שטיבלעך, די אפיס צימערן, ווי אויך די חדרי המלמדים, זענען די וואך געווען געדעכט מיט די פריש פאשפרייטע נייעס'ל, וואס האט נאך אלס נישט געמאכט זיין וועג אראפ פון די העדליינס אין די טעגליכע באריכט פאפירן, איבערן אטענטאט-פרואוו וואס האט פאסירט מיטן אמעריקאנעם פרעזידענט וואס לויפט איצטער פאר ווידערוויילונג. נאך א צייט אפשניט וואס ער איז נישט געזעסן ביים שיסל א קנאפע 4 יאר זענען דא מאנכע וואס בענקען זיך שטארק צוריק, אבער קוקט אויס אז עס איז אויך פארהאן גענוג פון די וואס האבן נישט געגליכן זיין געדאנקען-גאנג אויף אזוי ווייט אז זיי זענען גאר גרייט געווען צו גיין על קידוש דמם ה"י.

דער בחור איז געשטאנען א האלבע אינטש אוועק פון טויט, ער האט געזען מיט זיינע אויגן ווי דער קליינער גרויער אייזן וואס ווערט גערופן בולע"ט קומט מיט א טאטאלן שנעלקייט צו זיין געזיכט, און ווען נישט דער קליינער דריי וואס גאט ברוך הוא האט אוועקגעדרייט זיין קאפ צו קוקן אויף זייטיג, וואלט ער געווען פולקאם... טויט!

שטייענדיג בלויז א נישטיגע 5 צי 10 סעקונדעס נאכן זען און פילן די טויט פאר די אויגן און אויערן... האט ער זיך אויפגעשטעלט, און מיטן גאנצן איבערגעבליבענעם כח געשריגן די דריי ווערטער **פייט! פייט! פייט!!!**

א פאלנער שלא עשני, אבער עם כל זה קענען מיר זיך אפלערנען אפילו פון אזא פארשוין, ווי דער בעש"ט האט שוין מגלה געווען אז יעדע זאך וואס קומט אן צו א מענטש'ס אויערן אדער אויגן האט דער הייליגער באשעפער דווקא מיט א פינקטליכקייט צוגעפירט אז ער זאל עס הערן, זען, אדער מיטהאלטן, פאר א געוויסער סיבה, כדי ער זאל עס אפלערנען און פארשטיין.

א מענטש וואס האט א מיסיע, ער האט א ציל אין לעבן זה בכה ולהבדיל אנחנו בכה, נישט קיין חילוק וואו דו ביסט, און וואס ביסט שוין אדורך, דו ווייסט אז יעדע סעקונדע קען קומען צו פליען נאך א בולעט, האסט נאך ניטאמאל געקענט צו זיך קומען פון אלטן שאק, אבער איין זאך: פייט! מ'גייט עס דורכברעכן, אנו רצים והם רצים. הם רוצים - ער לויפט טאקע פאר זיין נידעריגער שטעלע פון ווידערוויילונג, אבער מיר לויפן מיט אונזער מיסיע פאר אונזער הויכער שטעלע צו זיין א סאלדאט פארן אונזער טאטע'ס ארמיי, אונזער מיסיע איז צו זיין א גאט-טרייער איד, פאלגן זיינע געבאטן און זיך פירן ווי דער אויבערשטער וויל, און אפילו ס'איז שווער, מ'פאלט, צובלוטיגט, אראפגעקלאפט גיימיר פייטן ביזן לעצטן טראפ!

בלעם - דער נידערטרעכטיגער רשע מרושע וואס האט געהאט איין ציל אין לעבן; זיין סיי דער מחטיאו און סיי דער ההורגו, האט פרובירט אויך צו פייטן, איינמאל שעלטן, נאכאמאל שעלטן, און ווידעראמאל, אבער דער באשעפער האט פארדרייט זיינע ווערטער און גאר ברכות זענען פון זיין מויל ארויס. צווישן די ברכות זאגט דארט בלעם הרשע נאום שומע אמרי קל וגו' נופל וגלוי עינים, טייטשן צדיקים 'נופל', פארוואס איז ער געפאלן, ווייל 'וגלוי עינים', די אויגן זיינע זענען אים געווען אפן, ער האט זיי נישט באהיטן ווי עס ברויך צו זיין.

אונז, אין אונזער מיסיע, לאמיר אויך זיין פייטערס! די יאר-זייגער שיינט שוין ענדליך אירע שטראלן אויף א זומער. יא, ס'איז זומער, ס'איז שווערערע טעג, ס'פאדערט שטערקערע כוחות, אבער די זכותים וואס מיר קענען זיך איצטער איינהאנדלען איז אוודאי פילפאכיג מער. לאמיר ארייכאפן, נאך א קוק ווייניגער, און נאך איינס ווייניגער! לאמיר זיין פייטערס, און אפילו ס'שוין געפלויגן א קויל אין דיין ריכטונג! פייט פייט פייט! ס'מיינט מען זוכט דיך! דאס איז א סיבה צוריק צו פייטן!

***

פרשת בלק, ווען די תורה שרייבט 'ובגוים לא יתחשב' – מיר אידן זענען א פאלק פאר זיך, אן קיין שייכות מיט וואס דער גוי זאגט, ברענגען מיר אייך א העכסט דראמאטישע ערציילונג וואס האט זיך לעצטנס אפגעשפילט צווישן די הייליגע **'מארס'** ווענט, מיטן קליינעם משה'לע. זענען די דאקטוירים גערעכט? וועט מען מוזן חלילה אפערירן דאס שרעקעדיגסטע? זאל מען חלילה אויפגעבן? מארס שרייט מיר וועלן קיינמאל נישט אויפגעבן!

מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל, ווי שיין זענען אידישע מנהגים און ספעציעל ווען עס קומט צו אויפבויען א משכן פרטי, בתי נאמן בישראל. אבער צי ברויך מען דען די אלע מותרות? סתם ספענדן, און וואס איז טאקע די עצה פאר די פראבלעם וואס מוטשעט די אידנטום בכל אתר ואתר? הרה"ח ר' **יהושע האנשטטר הי"ו** עפנט זיך אויף אין אפנהארציגער שמועס צום ערשטן מאל אין שבת בשבתו.

כרע שכב כארי וכלביא מי יקימנו, ווי א לייב שטייט **תלמוד תורה דלאנדאן** ארויס, מיט דעם איינעם ציל צו אוועקשטעלן און אויפבויען גוטע קינדער! נישט בויען א גוטן מוסד.. **הר"ר יעקב ראטשילד הי"ו** ברענגט אונז אריין אין די מוסד און אירע פילע אויפטואונגען למען הצלחת התלמידים, 'אונזער' חדר פאדערט איצטער 'אונזער' הילף.

אשר יעשה העם הזה באחרית הימים, הערליכע עובדות, און מאמרים פון רבותינו הקדושים איבערן הייליגן **אור החיים הקדוש** וואס זיין גרויסער יארצייט געפאלט אויס דעם זונטאג הבעל"ט.

זאל דער מחיה מתים ברחמים רבים אונז שוין צוריקברענגען טאקע בקרוב בימינו די אלע הייליגע צדיקים וואס זענען נסתלק געווארן פון אונז, בביאת משיח צדקינו.

**האטס א ליכטיגן שבת!**

# דריי לימודים פון א פערד!

הגאון ר' אברהם געניחאווסקי זצ"ל האט דערציילט:

איך בין אמאל געפארן צום הר הזיתים מיט א דרייווער (נישט ממש א היימישער), און אויפן וועג, ווען מיר זענען דורכגעפארן א געוויסע פלאץ, זאגט מיר דער דרייווער: "דער פלאץ וואס מיר פארן יעצט דורך איז פאר מיר זייער א גליקליכע פלאץ!"

"וואס איז דא אזוי גליקליך?"

פארציילט ער מיר אז אמאל פלעגט ער אלס חלק פון זיין ארבעט פארן אויף פערד, און דא – ביי דעם פלאץ – האט ער געטראסקעט פון דעם פערד, ער איז אריין אין שפיטאל וואו ער האט געווילט פאר פינף חדשים, און פון דעמאלט האט ער אנגעהויבן לעבן; ער פירט שבת מיט זיין משפחה, און אזוי ווייטער.

האב איך אים געפרעגט, "אז דו האסט געארבעט מיט פערד, אפשר פארציילסטו מיר די סודות פון א פערד, ווי אזוי קען מען רייטן אויף אים?"

"א זייער גערן!"

און דער דרייווער האט מסביר געווען פאר ר' אברהם, "צו רייטן אויף א פערד דארף מען האבן דריי כללים.

"די ערשטע כלל איז: אויב דו ווילסט אויסדרייען א פערד, דריי אים נישט אויס אויף איינמאל, נאר צוביסלעך, און דעמאלט וועסטו מצליח זיין אים אויסצודרייען.

"דער צווייטער כלל איז: דער פערד זאל קיינמאל נישט פילן אז דו האסט מורא פון אים!

"דער דריטער כלל איז: יעדע פערד האט זיינע שגעונות, און דאס מוז מען אים צושטעלן. מיין פערד למשל," פירט דער דרייווער אויס זיין 'שיעור', "ווען ער האט געזען עפעס אין די לופט האט ער זיך אפגעשטעלט און געקוקט, עס האט נישט געהאלפן גארנישט, איך האב געמוזט ווארטן ביז עס איז דורך." (אגן הסהר ח"א אות רל"ד).

***

מיר טרעפן שוין אין "אבן שלמה" פון דעם ווילנער גאון (פ"א אות ה' מצוין שם) וואס ער גלייכט צו דער יצה"ר צו א פערד, און דער רוח פון דעם מענטש איז ווי דער כח וואס רייט אויפן פערד.

קומט אויס אז די לימודים דא איז א תורה שלימה בתורת "נפש הבהמית".

דער לימוד אין עבודת ה' איז זייער פשוט:

יעדער האט א בהמה'לע אין זיך, מ'קען אים גאר אסאך טויישן, רוקן גרויסע זאכן, אבער עס האט א מהלך וויאזוי עס גייט, מ'קען נישט אויף א מינוט, מ'דארף האבן "רגילות", זיך איינגעוואוינען!

> **יעדער האט א בהמה'לע אין זיך, מ'קען אים גאר אסאך טויישן, רוקן גרויסע זאכן, אבער עס האט א מהלך וויאזוי עס גייט, מ'קען נישט אויף א מינוט, מ'דארף האבן "רגילות", זיך איינגעוואוינען!**

שלאגן די בהמה מיט א כח דאס קען בלעם הרשע אויך, אבער נישט דאס איז דער וועג, אוודאי יעדע כלל האט א יוצא מן הכלל, אבער דער כלל איז, אז ווען א מענטש וויל ארבעטן אויף א תאוה וכדומה, גייט מען טריט ביי טריט צוביסלעך. עס נעמט טאקע צייט אבער צום סוף קומט מען אן.

דער קאצקער רבי' האט געזאגט, אז דער יצה"ר איז א לייב! אבער פון פאפיר. דאס הייסט אז עס איז נישטא וואס מורא צו האבן פון אים. ער מאכט א מצב א בהלה כאילו מ'קען זיך נישט קיין עצה געבן, אבער למעשה, איז עס הוילע לופט.

עס איז גרינגער צו זאגן ווי צו טון, אבער מ'דארף דאס גוט אריינעמען אין קאפ, עס זעט אויס שווערער ווי עס איז באמת, מ'טאר נישט מורא האבן פון יענע חברה.

בנוגע דער דריטער כלל איז פארשטענדליך אז מ'דארף האבן שכל, און מ'קען לייכט פארנארט ווערן (פון דעם פערד אליין..), אז כאילו ער מוז האבן די זאך און דאס איז זיין שגעון וואס מ'מוז אים נאכגעבן, אבער פארט דארף מען וויסן די כלל, און מיט סייעתא דשמיא און מיט אסאך שכל דארף מען געבן פאר דעם גוף דאס זייניגע, און דערנאך קען מען גיין דינען השי"ת מיט א שמחה של מצוה! ■


בס"ד
אונזערע חדר
אייער שטיצע
נאר צוזאמען
קענען מיר
ווייטער אנגיין
תלמוד תורה דלונדון
צוזאמען קענען מיר ממשיך זיין
צו געבן דעם בעסטע חינוך פאר
אונזערע טייערע קינדער
מיטוואך און דאנערשטאג פינחס
ח"י-י"ט תמוז
אונזערע חדר

צווייטע אין סעריע:

# ס'גיסט זיך אידיש בלוט

צווישן די צענדליגער מעסעדזשעס און בריוון וואס זענען אנגעקומען צו אונזער טישל לאור די פאריגע וואכעדיגע מאמר איבער דאס בלוט-צאפעריי פון געוויסע ישיבות וואס ווארפן זיך ארום מיט בחורים, זענען געווען אזעלכע בריוון וואס האבן מיר געקאסט א טרער.

ס'האט מיר ווי געטון אז זעכצן יעריגע נשמה'לעך גייען דאס נעבעך אדורך. קוים אנגעהויבן זייער לעבן עלי אדמות און שוין טרעפן זיי זיך מיט 'ביראקראטיע' און 'פאליסיס' וואס קען קאסטן זייער עתיד..

ווי מיר האבן שוין ערוועהנט פאריגע וואך, פיל מיר אונז וויכטיג נאכאמאל זיכער-צו-מאכן אז די רעדע איז נישט פון די כלל, רוב ישיבות טוען אלעס צו קענען אקאמאנדירן תלמידים. און אזוי אויך איז די רעדע נישט ווען מ'האט צו טון מיט גאר שוואכע בחורים וואס קענען זיין א סכנה פאר אנדערע וד"ל.. נאר וואוילע בחורים וואס זענען לאו דוקא 'מצוינים בכשרונות'.. און מיט זיי ווארפט מען זיך ארום.

די וואך איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן מיט א מנהל פון איינע פון די חשוב'ע ישיבות קטנות, ער זאגט מיר אז מיטהאלטנדיג די וועגן וויאזוי די ישיבות גדולות באהאנדלען בחורים איז ממש א געלעכטער. ער דערציילט אז ס'איז דא בחורים וואס אין כשרונות זענען זיי 'בינונים', אבער אין צושטעלן אדער אין לימודים זענען זיי גאנץ פיינע 'מצוינים', אבער זיי ווערן געהעריג געשטעלט אין די זייט ווייל זייער 'נאמען' איז נישט אזוי 'גלאנציג'...

אין די קומענדיגע שורות ווען מיר מיטטיילן איין מעסעדזש און איין בריוו, וואס - צווישן אלע אנדערע - האט דאס אונז צוגערירט צום הארץ און עטליכע חוצפה'דיגע טרערן האבן זיך אומווילנדיג ארויסגעכאפט פון אונזערע אויגן.

### איך קען דאס נישט אויסהאלטן

רופט אריין א בחור און דערציילט:

"איך האב אריינגעשיקט אן אפליקאציע אין איינע פון די ישיבות גדולות, איך ווארט שוין עטליכע וואכן אויף אן ענטפער, און דערווייל, גארנישט! קיין פיפס נישט געהערט פון זיי. ווי כאילו איך וואלט עס נישט אריינגעשיקט.

"מיינע חברים וואס האבן אריינגעשיקט אין די זעלבע צייט ווי מיר, אדער אפי' נאך מיר זענען שוין געווארן גערופן צום 'פארהער' און דערנאך געווארן אנגענומען. אבער מיר געבט מען ניטאמאל דעם טשאנס צו ווייזן אז איך פאס אריין אין ישיבה.

"דאס וואס הרב ש. שטערן האט געשריבן אז 'ס'גיסט זיך אידיש בלוט' איז נישט קיין גוזמא, דאס איז פשוטו כמשמעו. איך פיל ווי מיין בלוט ווערט געגאסן אין אלע גאסן.

"שוין עטליכע וואכן וואס איך קען נישט אנגיין מיט מיין סדר היום נארמאל צוליב דעם וואס איך בין אנגעצויגן; וואס וועט זיין מיט מיר דעם קומענדיגן אלול זמן?!

"מ'האלט שוין אינמיטן תמוז און איך האב נאך גארנישט געהערט פון זיי!

"איך ווייס נישט וויאזוי א בחור קען דאס אויסהאלטן!

"איך נוץ אויס אייער פלאטפארמע צו בעטן פאר די הנהלת הישיבה, און פאר די הנהלות פון די אנדערע ישיבות: מאכט זיך לכה"פ צו טון פון מיר! ווייזט מיר אז איך עקזיסטיר בכלל! מאכט מיר נישט שפירן ווי עפעס אן אויסווארף וואס באלאנגט אויפן גאס, און די זעלבע פון די אנדערע בחורים וואס זענען נאכנישט געווארן מסודר.

"מיר גייען אין די וואכן אדורך א גיהנום, לאמיר האפן אז עס וועט שוין נעמען אן ענדע!!!"

אט דאס זענען געווען די ווערטער פונעם לכאו' זעכצן יעריגער בחור וואס האט זיך אידענטיפיצירט אויפן מעסעדזש אלס 'נ.ב.' און זיינע ווערטער און צובראכענע, האפענונגסלאזע שטימע האט מיך זייער צוטרייסלט.

### ס'איז אין ענקערע הענט!

אין איינע פון די בריוון שרייבט א צווייטער בחור (ה.פ.ד.) וואס האט שוין 'זוכה געווען' צו באקומען דעם 'לא נתקבל' (מ'האט אים לכה"פ נישט איגנארירט....) צווישן אנדערע שרייבט ער:

"פאר ווען איר שיקט ארויס א 'לא נתקבל', שטעלט אייך אפ א מינוט און טראכט אריין, וואס גייט זיך אפטון יענע נאכט ביי אים אינדערהיים...

"וויאזוי גייט זיין טאטע רעאגירן צו די נייעס? וויאזוי גייט ער עס איבערגעבן פאר זיין בחור? וויאזוי גייט ער עס פארציילן פאר די מאמע? וויאזוי וויל מען אז זיי זאלן נאך קענען שלאפן ביינאכט?

"שוין זעכצן יאר וואס מיינע עלטערן לייגן אריין אין מיר הארעוואניע מיך צו באגלייטן און מחנך זיין, קומט זיך זיי אזא פראסק אז זייער זון באקומט א 'לא נתקבל'?!

"שוין זעכצן יאר וואס איך שטעל מיך צו צו די לימודים, מיט מיינע מיטלגארטיגע כשרונות טו איך אלעס אין די וועלט צו זיין הונדערט פראצענט צוגעשטעלט. גלייבט מיר, ס'קומט מיר אן אסאך שווערער ווי פארן 'מצוין'.. טא וויאזוי קען מען טון צו מיר אזא זאך? פארוואס זאל מיין גורל זיין פארזיגלט???

"טייערע ראשי הישיבות, פארמאכט נישט די טיר אויף אונז! איך וויל באמת לערנען! איך וויל באמת שטייגן אין עבודת ה'!

"ס'איז אין ענקערע הענט מיין גאנצע עתיד! איך בעט אייך, 'האט רחמנות אויף מיר און מיינע דורות'!!!"

### אין אייןווארט:

ווערטער זענען איבעריג! ▪

געספאנסערט דורך:
Redwoods


ישיבת נזר התלמוד לאנדאן יצ"ו
להעלות
האור
קאמפיין להחזקת
ישיבת נזר
התלמוד
לעכטיגע
טעג...
זונטאג
מאנטאג
פרשת מטו"מ



# א שידוך פון הימל

אין זיין הייליג חדר קודש איז געזעצן דער הייליגער בעל שם טוב הק' ווען נעבן אים זיצט זיין תלמיד חביב הרה"ק ר' אפרים פון סקאהל און מקבל געווען פון זיין הייליגן רבי'ן תורה און עבודת השם, ווען א קלאפ האט זיך געהערט אויף דעם טיר און עס קומט אריין א רב פון א דערנעבנדיגן שטאט און וויל אנפרעגן ביי דעם הייליגן רבי'ן איבער א שידוך.

דער רב איז געקומען אין באגלייטונג מיט זיין זון און מיט נאך א איד.

"רבי דאס איז מיין בן יחיד'ל חיימ'ל און מען טראגט מיר אן א שידוך די טאכטער פון דעם איד, דער איד איז מתחייב צו געבן נדן דריי טויזנט רובל און איך וויל פרעגן דעם רבי'ן וואס האלט דער רבי, צי זאל איך טון דעם שידוך אדער נישט".

דער הייליגער בעל שם טוב הק' קוקט אן דעם איד און געט אים גלייך א תשובה, אז אויב איז דער טאכטער זיינער אן ערליכער זאל ער טון דעם שידוך.

דער רב, הערנדיג די גלייכע תשובה פון דעם רב, האט זיך אויסגעדריידט און געזאגט מזל טוב צו דעם מחותן און דער שידוך איז געשלאסן געווארן בשעה טובה ומוצלחת.

מען האט געטרינקן לחיים און דער רב איז ארויס - געבנדיג א יישר כח - און דער בעל שם טוב הק' רופט זיך אן צו זיין תלמיד אז אמאל אויב עס איז באשערט א שידוך פאר א איד קען אויך דער עולם הליצנות זיין א גוטער שידוך.

הרה"ק ר' אפרים הערנדיג די ווערטער פון זיין רבי איז געווארן נייגעריג וואס קען ליגן אונטער די ווערטער, און ווער איז דער לץ וואס איז געווען דער שדכן. וועלנדיג געוואויר ווערן וואס ליגט אונטער די ווערטער פון זיין הייליגן רבי'ן האט דער צדיק אנגעהויבן נאכצויאגן די משפחה און געוואלט ביי זיי וויסן וואס איז דער באדייט פון די ווערטער.

ר' אפרים האט דערגרייכט די אכסניא פון דעם רב און אים דערציילט די באדייט פון די מעשה און צו זיין וואונדער האט דער רב געטוישט קאלירן הערנדיג די מעשה און אויך שפעטער אוועקגע'חלש'ט.

יעצט איז דער נייגער פון ר' אפרים געווארן שטערקער און ער האט געוואלט פארשטיין טיפער דער באדייט און זיך אוועקגעזעצט מיט דעם רב הערנדיג וואס האט דא פאסירט און וואס שטעקט באהאלטן אונטער דעם שידוך.

"מיט בערך א האלבער יאר צוריק האט זיך די געשיכטע אנגעהויבן שפינען" - האט אנגעהויבן דער רב ר' שלום צו פלעכטן זיין געשיכטע.

"עס האט זיך אנגעהויבן מיט א קלאפ אויף מיין טיר און ביים טיר איז געשטאנען ר' זבולון, איינער פון די תושבים פון אונזער שטאט און ער איז געקומען אהער שמועסן מיט מיר און אויך געהאט וואס מיר פארצולייגן".

נאך דעם וואס איך האב אים געבעטן ער זאל זאגן וואס ליגט אים אויפן הארצן האט ער אנגעהויבן אויסשמועסן וואס ער האט מיר מציע צו זיין.

# חיים של תורה

שע״י תלמוד תורה בית אהרן דחסידי בעלזא

נוסדה ע״ש כ״ק מרן אדמו״ר זצוקללה״ה בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

בס״ד

ארגון חיים של תורה
שע״י תלמוד תורה בית אהרן דחסידי בעלזא
לונדון

**פ** ני ידידנו הר״ר פנחס נפתלי דגול ורב פעלים וכ **ח**

**נ** ברכך מעומקא דליבא לרגל השמחה השרויה במעונכ **י**

**ח** יים של תורה בראש מעייניו תדיר ובר **י**

**ס** עד ותמך למען תינוקות של בית רב **ם**

**נ** שגרה ברכת מזלא טבא וגדיא נאה מעומק לבנו הגוע **ש**

**פ** קוד השמחה בהולדת בת לבנו הר״ר **משה מרדכי** שליט״א נגי **ל**

**ת** ילי ברכות וטנא איחולים מתוך שמחה והרחבת הדע **ת**

**ל** מען תרוון רב נחת דקדושה מכל יו״ח הי״ **ו**

**י** וסף ד׳ עליכם אלף פעמים ירויון מדשן ביתך בעושר ואוש **ר**

ה״ה מברכים ברגשי הערצה והערכ **ה**

בשם כל הצוות העוסקים במלאכת הקודש

רפאל הלוי באקאר    שמעון אהרן בריזל

ג״א מצטרף לאיחולים בכל לב

ישראל זאב גולדבערג - מנהל תלמוד תורה ״בית אהרן״

"איך וויל פארשלאגן די טאכטער פון זיסקינד, דער נגיד פון שטאט".

עס האט מיר געדויערט א מינוט ביז ווען איך בין געקומען צו מיר הערנדיג וואס ער שלאגט מיר. דער נאמען פון זיסקינד נגיד האט גוט געקלינגען אין יעדנס אויערן אבער נאר פאר די פריש געקומענע אין שטאט. זיי האבן געקענט זיסקינד אלץ דער נגיד און גביר פון שטאט, אבער מיין בליק אויף אים איז געווען היבש אן אנדערע, איך האב אים נאך געדענקט פון די צייט ווען ער איז געווען זיסקינד דער וואסער טרעגער.

זיסקינד דער וואסער טרעגער איז געווען א פשוטער איד. א וואסער טרעגער וואס איז געווען א קנאפער יודע ספר און יעדן טאג פלעגט ער אויפשטיין אין די פריע טאגס שעה'ן און זיך ארויסלאזן אין דעם עק שטאט שעפן וואסער פון דעם ברונעם און עס ארומטיילן אין שטאט פאר געלט.

אבער אין הימל איז געווען אנגעשריבן אויף זיסקינד וואסער טרעגער אז ער זאל נישט אייביג בלייבן דער וואסער טרעגער און אז אין א טאג זאל זיך זיין צושטאנד טוישן און ער זאל פון א פשוטער וואסער טרעגער ווערן א גביר.

דער טויש ביי זיסקינד האט זיך אנגעהויבן נאכדעם וואס ער האט מצליח געווען ביי עטליכע געשעפטן. דער מזל פון הצלחה האט אים אנגעהויבן שיינען. די ערשטע שריט איז געווען עפענען א קליין עסן קראם אבער זייער שנעל האט זיך דער געשעפט צו וואקסן און זיסקינד האט אגעהויבן האנדלן און וואנדלן, ביז ווען דער אמאליגער וואסער טרעגער איז געווארן אן עושר.

מיט די עשירות האט זיך פארשענערט דער געשטעל פון זיסקינד. פון דער אמאליגער וואסער טרעגער, ווער עס איז געווען דער ארעמאן און געזעצן אויף דעם אונטערשטן באנק אין שוהל, איז ער געווארן א מכובד, א שיינער איד, ווען אלע האבן ארויפגעקוקט און געשעצט אז מען האט אנגעהויבן רופן ר' זיסקינד און אנגעטראגן שיינע שידוכים.

"נאר איך האב גוט געדענקט דער פארגאנגנהייט פון זיסקינד און ווען מען האט מיר אנגעטראגן דעם שידוך, איז עס מיר נישט געווען צום הארצן. איך האב געזאגט א גרויסער ניין, אבער דער שידוך האט מיר נישט אפגעלאזט, עס איז מיר נאכגעלאפן וואו איך בין געגאנגען און געשטאנען" - האט דערציילט דער רב.

יענער נאכט איז נישט געווען אנדערש פון א נאכט בעפאר. אויף די נאכט איז דער רב געזעסן שקוע על התורה און אין די שפעטע נאכט שעה'ן, ווען די כוחות פון דעם רב האבן אים מער נישט געהאלטן אויף, איז ער אריין אין בעט און זיך אויסגעצויגן אויף זיין געלעגער.

ליגט זיך דער רב אויף זיין געלעגער און הייבט זיך אן צו חלומ'ען ווי ער לאזט זיך אין וועג אריין און וויל אנקומען צו א צווייטער שטאט, און נאך א שטיק צייט דערגרייכט ער דעם צווייטן שטאט און גייט אריין אין בית המדרש זוכנדיג וואו ער קען זיך אוועקזעצן לערנען און זיך אפרוען פון דעם לאנגן מאטערנדן וועג.

דער שול איז איבערגעפולט און יעדער איז עוסק אין זיין סוגיא וואס ער לערנט, עס איז נישט דא קיין איין ליידיגער בענקל צו זיצן און נישט האבנדיג קיין ברירות, זעצט זיך דער רב אונטער דעם אויוון, דער ארט וואו עס זיצן די פשוטי עם.

זיצנדיג אזוי נייגט ער צו אן אויער צו א חברותא וואס זיצן און הארעווען אויף א שטיקל שלחן ערוך אין אבן העזר, און זיי זענען נישט מצליח צו פארשטיין פשט פון דעם שטיקל. דער רב, ווער עס האט שוין אין דער פארגאנגנהייט געלערנט די סוגיא, האט געהאט א מהלך אין דעם סוגיא און האט זיך דערנענטערט צו זיי לערנענדיג מיט זיי פשט.

אין די ערשטע מינוט זענען די צוויי אידן באגייסטערט געווארן פון דעם פשט, זיך נישט קענענדיג ענדיגן אפצוואונדערן פון וואו דער איד האט צוגעטראפן צו אזא שיינער פשט, אבער די חברותא האט איבערדערציילט דעם פשט פאר אנדערע לומדים איז געווארן א רעש אין שול, אנדערע תלמידי חכמים האבן אנגעהויבן אפלאכן דער פשט באווייזנדיג פאר דעם רב ווי פאלש זיין פשט איז און אז ער האט פשוט נישט גוט געלערנט פשט.

דער רב איז ארויס פון יענעם שול בבושת פנים און זעענדיג ווי ער ווערט הילכיג אפגעלאכט פון אלעמען, האט ער זיך געוואנדן צו דער בעל עגלה בעטנדיג ער זאל אים טראגן צו א צווייטן שטאט ווייל ער קען נישט דורכטראגן די בזיונות אין דעם שוהל.

מער ווי א טאג האט געדויערט די רייזע צו דעם צווייטן שטאט. ביים ענדע פון פון די רייזע איז דער רב אנגעקומען צו א צווייטן שטאט, און אויך דארט האט ער זיך ארייגעזעצט אין שול, און וואנדער אז אויך דארט האט זיך איבערגע'חזר'ט אן ענליכע סצענע, אז ער האט נישט געהאט וואו צו זיצן און זיך געמוזט זעצן אונטער דעם אויוון, און פון זיין באהעלטעניש זיך איינגעהערט צו די שיעורי תורה פון שוהל.

אזוי זיצנדיג דארט האט ער ווידעראמאל געהערט ווי צוויי אידן לערנען און טוען זיך פארפלאנטערן אין א סוגיא.


שבת בשבתו
יברך את בית אהר"ן
הרב אהרן הלוי הורוויץ הי"ו
הוא הגבר אשר בעט סופר מהיר
דולה ומשקה מבאר מים חיים, מפי
ספרים וסופרים, ומפק יקרים מדליו
מוספים לעטר גליוננו במאמרים
ופתגמין חשובים
לרגל שמחת
הולדת בתו
למזל טוב
ובשעה טובה ומוצלחת
חברי המערכת
גדול העונה יותר מן המברך
משה יצחק עקשטיין

דער רב האט שוין געהאט געלערנט פון זיין פריערדיגן דורכפאל און דאסמאל, איידער ער האט אריינגערעדט א ווארט האט ער זיך צוגעגרייט און געקומען צו די אידן לערנען מיט זיי פשט.

די אידן האבן גוט איינגעהערט דער פשט און אויך דאסמאל האבן זיי ערשט באוואונדערט דעם פשט, אבער א קורצער צייט שפעטער האט ווידער אויסגעבראכן אין שול א געלעכטער, די אידן פון די קהילה, ווען אין שפיץ שטייט זייער רב, האבן אנגעהויבן אויפווייזן דעם רב אז זיין פשט איז לעכערליך און שטימט נישט מיט וואס עס שטייט אינעווייניג אין שלחן ערוך.

ווידעראמאל האט דער רב געפלאמט פאר בושה. די בושות זענען געווען צו גרויסע און ער איז צום צווייטן מאל ארויסגעלאפן פון שול בעטנדיג ביי דעם בעל עגלה ער זאל איינשפאנען דעם וואגן ווייל מען לאזט זיך אין וועג אריין צו א דריטן שטאט.

אין דעם דריטן שטאט האט זיך איבערגעשפילט דעם זעלבן ספעקטאל. דער רב האט זיך ווידעראמאל איינגעהערט צו א תורה שמועס און אריינגערעדט און אויך יעצט איז ער ביטערליך פארשעמט געווארן אבער יעצט האט פאסירט נאך א זאך.

ווען דער עולם אין שול שטייט און לאכט אפ פון דעם רב, דער עם הארץ, האט זיך אויפגעשטעלט א איד אין שול און זיך אנגערופן אז ווי איר קוקט אן דעם איד און וואספארא עם הארץ ער איז, ווייסט אז ער איז נישט בלויז אן עם הארץ נאר אויך א בעל גאוה ווייל פאר דעם איד טראגט מען אן א שידוך מיט א איד, א נגיד, וואס איז גרייט זיך צו לאזן קאסטן גרויס געלט פאר זיין זון אבער ער וויל נישט, ווייל עס פאסט אים נישט.

דאסמאל איז די בושה געווען גרעסער ווי פריער און אינמיטן די בושה, האט זיך דער געגעבן א וועק אויף פון דעם חלום.

"עס איז טאקע נאר געווען א חלום, אבער דער חלום האט געעפנט מיינע אויגן" - האט דער רב אויסגעפירט פאר ר' אפרים און איך האב באשלאסן אז איך וויל טון דעם שידוך, אבער מיט איין תנאי, איך וויל ערשט פרעגן דעם הייליגן בעל שם טוב הק' וואס ער זאגט.

דער רב האט פארענדיגט די מעשה פאר ר' אפרים און יעצט האט שוין דער רבי' אפרים גוט פארשטאנען די ווערטער פון זיין רבי, אז דער עולם הליצנות האט אויך א ווארט.

די מעשה האט דער סקאהלער רב דערציילט פאר הרה"ק ר' ברוך פון מעזבוש און די מעשה ווערט געברענגט אין ספר ליקוטים יקרים פון הרה"ח ר' אריה לייב מראווידאקא.



# הייליגע ווערטער

במשנתו הטהורה פון

# הרה"ק מצאנז קלויזנבורג זי"ע

נתפרסם להגדל די יומא דהילולא קדישא



## עטליכע מימרות פון וואס די בעל ההילולא האט פארגעלערנט ביי א שיעור חורש"י חיי שרה תשמ"ג בענין לעבן באשיידן און זיך נישט באווייזן פאר אנדערע

מ'דארף גלייבן אין דברי חז"ל אז עין הרע שאדט און דאס איז פון די עיקרי אמונה - ווייל **כל דברי נביאים אמת** און וואס עס שטייט אין גמרא איז ווי געשריבן בתורת משה

חז"ל זענען **שטארק מזהיר אויף די הזיקות** וואס קענען ארויסקומען פון עין הרע און פילע הלכות זענען געוואנדן אין דעם, און נישט ווי נארישע מענטשען מיינען אז היינטיגע צייטן איז דאס נישט נוגע און זיי פירן א לעבנס שטייגער כאחד הפריצים מיט די מטרה אז יעדער זאל רעדן וועגן זיי

אין אלע דורות האבן די אידן זיך געפירט באשיידן, אפילו די גרויסע גבירים האבן געוואוינט און פשוטע הייזער און דאס האט זיי אוועקגעהאלטן פון אנטיסעמיטיזם דורך די גוים און פון עין הרע ביי די אידן

אסאך מאל געשען פאסירונגען פאר א מענטש, ווי למשל א קאר עקסידענט אדער א האל אפ און ער ווייסט נישט פון וואו דאס קומט אבער אין אמת'ן קומט דאס אלעס פון עין הרע

עין הרע איז א זאך וואס מ'זעהט עס בחוש און אלע גדולי צדיקים מדור הקדמון ווי די הייליגע זיידע די ייטב לב זי"ע און אויך זיין זיידע די ישמח משה זי"ע האבן חושש געווען דערויף און געטוען פעולות און לחשים דערקעגן

**און די טעג פון יומא דהילולא קדישא וואס שפתותיו דובבות און די בעל ההילולא זצ"ל איז משפיע פאר כל ההולך בדרכיו בכל מידי דמיטב, לאמיר גיין בדרכיו הקדושים און זיך פירן איינגעהאלטן און באשיידן לויט ווי ער האט פארלאנגט און זייט מקבל אלע השפעות ברוחניות ובגשמיות**

דער הייליגער מפעל "עיני ישועה" בהמלצת גדולי הרבנים איז דא פאר אייך ארויסצוהעלפן מיט אלע מיטלן צו רייניגן אייערע נעמען פון עין הרע דורך פעולות מקובלות מאבותינו ורבותינו, איר קענט אריינרופן אויף 0203.514.0329

צו הערן דו פילע דברות קודש רופט אריין 845.203.1444

בס"ד

בנות ישראל




## טייערע קינדער

פארקויפט די
מעכטיגע טאפפעל

# געווינט
דער
# גאנצע
# סכום

## וואס דו
## ברענגסט אריין!

### אדרעסן וואו מען קען אפנעמען די ביכלער:

Weiss.............36 The Mount, (Mt Pleasant Ln) ....8806 4842
Grunzweig....49 Darenth Rd............................8809 4060
Gratt.............23 Fairholt Rd ..........................8809 0037
Fischer ..........92 Vartry Rd..............................8800 2521
Hirsh.............22 Gladsemore Rd .....................8442 5118
Reiner ...........2 Ashtead Rd.............................8806 8167
Niderman .....20 Chardmore Rd .......................8806 1377

+
באקום
£5
פאר יעדע
ביכל וואס ווערט
פארקויפט



# געראטעוועט אין פלעשער

## די אומגלייבליכע געשיכטע פון אירענא סענדלער, וועלכע האט אַרויסגעראַטעוועט 2,500 קינדער פון ווארשע-געטאָ

**אין קורצן פון פריער:**

אריינגייענדיג טעגליך אין געטא, האלט אירענא סענדלער מיט די פיין און סכנה פון די אידן, און הייבט אן מיט געפארפולע רעטונג-אקציעס ארויסצושווערצן קינדער דורך אלע סארט וועגן, אריינגערעכנט דורך די ווארשעווער אפלויף-קאנאלן. זי באקומט אינפארמאציע וואו די קומענדיגע דעפארטאציעס קיין טרעבלינקע וועלן פארקומען און ראטעוועט פון דארט יונגע קינדער. מיטגלידער פון 'זיגאטא' - אן אומפארטייאישע ארגאניזאציע פון חסידי-אומות-העולם וועלכע ווילן ראטעווען אידן - טרעפן זיך מיט אירענא, שליסנדיג מיט איר א שותפות: זי און איר נעץ וועלן ראטעווען קינדער, און זיי וועלן צושטעלן געלט - יעדן חודש 100 טויזנט זלאטעס.

**ליינט ווייטער מיט שפאנונג!**

## קאפיטל 41: א ווארעמע וואנע

**"יאנואר 1943 - אייזיק ראזנער > עלעקסענדער באראסקי - כאלאדנא #89"**

עס זענען געווען הארצרייסנדע דורכפעלער.

אירענא האט געהאט איבערצייגט די ראזנערס איר צו ערלויבן ארויסצושווערצן זייער פיצל אייזיק מיטן טויט-וואגן. מורא האבנדיג צו פארלירן צוויי קינדער אויפאיינמאל, האבן זיי געהאלטן מרים פאר נאך איין טאג.

דער טויט-וואגן איז טעגליך ארויסגעפארן פון געטא, מיט טויטע קערפער - פרישע קרבנות פונעם געטא דורך די נאכט. אירענא האט ארגאניזירט אז דער וואגן זאל קומען נעבן די הויז פון די ראזנערס פאר עטליכע מינוט. "שנעל," האט זי זיך געבעטן ביי די עלטערן, "בעפאר די וואגן פארט אוועק."

הער ראזנער האט עפעס אריינגעשושקעט אין אויער פון זיין קליינע מרים. זי האט ברייט צועפנט אירע אויגן און דאן אריינגעגראבן איר געזיכט אין זיין קערפער. זייענדיג גענוג לאנג אין געטא, האט זי זיך אויסגעלערנט צו וויינען שטיל. אירענא האט באמערקט איר ראזע האר-שפילקע, וועלכע האט צאמגעהאלטן אירע טונקעלע האר.

אייזיק איז רואיג געשלאפן אין די מאמע'ס האנט. אירענא האט פלינק אריינגעטראפט אין זיין מויל אביסל פונעם שלאף-געטראנק און דער קליינער האט געמאכט גרימאסן.

"ס'איז זייער א פארזיכערטע מעדעצין. ס'וועט אים העלפן שלאפן," האט זי פרובירט צו בארואיגן די אנגעצויגענע עלטערן.

פרוי ראזנער איז אריינגעפאלן אין א בענקל, ארויפגעווארפן אירע הענט אויפן געזיכט און אנגעהויבן ביטערלעך צו וויינען. מרים האט מיט שרעק געקוקט אויף אייזיק'ס ליידיגע בעטל. פונעם פענסטער האט אירענא געזען אז דער טויט-וואגן גרייט זיך צו פארן, נאכן אריינווארפן א פארפרוירענעם קערפער פון הינטן.

"ס'איז צייט צו גיין, פרוי ראזנער. כ'וועל מארגן זיין צוריק פאר מרים." מרת ראזנער האט צוריקגענומען דאס פיצל קינד פון אירענא און צאמגעקושט זיין פנים און הענטעלעך. מיטן פיצל אין די הענט האבן זיי אראפבאגלייט אירענא. ביים טיר פונעם געביידע - מיט געשוואלענע אויגן - האבן זיי דאס לעצטע מאל געכאפט א בליק אויף זייער קינד.

צייט איז געווען קורץ. אירענא האט געכאפט דאס פארשלאפן קינד, צוגעטראגן צום טויט-וואגן און געלייגט אונטער א טויטן קערפער. טראץ וואס דער קערפער איז געווען פארפרוירן, איז די טרעקל געווען גענוג ווארעם, אז דאס קינד זאל דורכטראגן און דורכגיין געזונט-טויער ביז צום אידישן בית-החיים.

ישיבה גדולה

# אהל תורה

לאנדאן יצ"ו

בס"ד

חודש תמוז

שנת **תשפ"ד** לפ"ק

# ישמח לב מבקשי השם

**בחדותא רבה באנו בזה להודיע בשער בת רבים**

**כי בעזר הבורא יתעלה, עומדים אנו לפתוח**

**לקראת חודש אלול הבעל"ט**

# ישיבה גדולה

המיוסדת ומותאמת להני בחורי חמד

הדורשים להרחיב גבולם בעסק התורה הקדושה

עמלים בנתיבותיה ומבקשים להבין ולהשכיל צוף אמרותיה

בהתמדה וחריצות יתירה בתוך סביבה של התעלות והתרוממות

ושאיפה לעלות במסילות עבודת השם יתברך יראת שמים וחסידות

**בראשות תלמידי חכמים מופלגים**

**המסורים בלב ונפש לטובת גידול התלמידים**

**בשלימות בכל התחומים עדי יתעבדו לאילני רברבין**

**להרשמה יפנו למנהל הישיבה שליט"א בהקדם האפשרי**

עוד פרטים יבואו בע"ה

**בכבוד רב**

רמ"י הישיבה

הרה"ג ר' **חנוך העניך טייטלבוים שליט"א** - מנהל

הרה"ג ר' **הערשל רייצער** שליט"א

הרה"ג ר' **סיני דייטש** שליט"א

הרה"ג ר' **בן ציון יהושע הכהן קוואדראט** שליט"א

הרה"ג ר' **אלקים געציל בערגער** שליט"א

הרה"ג ר' **יואל מארמארשטיין** שליט"א

הרה"ג ר' **שמשון רפאל שלעזינגער** שליט"א

ועד הישיבה

מו"ה **מאיר אויש** הי"ו

מו"ה **שמואל שניידער** הי"ו

פארן דרייווער האט אירענא געגעבן 200 זלאטעס אויב ער וועט דארפן איינעם געבן כאבאר, אבער די שרעק פון טיפוס-עפידעמיע פון די טויטע איז געווען אזוי שטארק, אז די דייטשן האבן זעלטן איבערגעקוקט דעם טויט-וואגן.

אירענא שולץ האט געווארט אינעם בית-החיים מיט אייזיק'ס פרישע, פאלשע פאפירן אויפן נאמען פון עלעקסענדער באראסקי. זי וועט אים נעמען, דורך א באהאלטענע וועג, צום גוי'אישן בית-הקברות דערנעבן און פון דארט צו א טראמוועי ווייט אוועק.

***

דעם קומענדיגן צופרי, איז אירענא אריין אינעם געטא דורכן לעשנא-טויער. דער שטרענגער וועכטער האט גוט איבערגעקוקט אירע פאפירן און איר אריינגעלאזט. גלייך ווען זי האט זיך איינגעדרייט אין וואלינסקא גאס, איז איר הארץ געזונקען.

דער טראטואר איז געווען אנגעווארפן מיט פערזענליכע חפצים פון מענטשן ־ א קינד'ס שיכל, א טאשטיכל, א שטעקן, א חומש, צושמעטערטע מעבל אראפגעווארפן פון הויך ־ און זי האט גלייך געוואוסט אז עס איז פארגעקומען אן אקציע.

מיט א צאפלדיג הארץ איז זי ארויפגעלאפן די דריי שטאק, צום דירה פון די ראזנערס. כאאס און חורבן זענען איר אנטקעגן געקומען. טירן זענען געווען אויפגעפראלט. קיינער האט נישט געענטפערט אירע רופן. די טירן פון ראזנער'ס דירה זענען געווען צושמעטערט, די מזוזה אראפגעריסן, א פענסטער אויסגעשאסן. צובראכענע גלאז האט זיך צוברעקלט אונטער אירע פיס.

נעבן אייזיק'ס בעטל, האט זי זיך אראפגעבויגן אויפצוהייבן א ראזע האר-שפילקע ־ דאס וועלכע מרים האט געטראגן א טאג בעפאר.

איין טאג שפעט.

***

ווארשע, יאנואר-אפריל 1943.

נאך דעם יאנואר אויפשטאנד זענען די לעצטע טעלעפאן-דראטן איבערגעשניטן געווארן. קאמוניקאציע האט נאר געקענט געליפערט ווערן דורך בריוו (אומפארלעסליך), שלוחים (סכנות'דיג), אדער פערזענליך דורכ'ן מויל (צומישט, נעמט אסאך צייט און פראבלעמאטיש).

א נייע ביזנעס האט געשפראצט אין געטא; בויען און זיך פארפאנצערן אין אונטערערדישע בונקערס. אפילו אין די לעגאלע פלעצער אינעם געטא, האט אירענא געטראפן מאמעס שלעפן ציגל, צעמענט און זאמד-זעקלעך צו בויען בונקערס. מענטשן האבן אויך געמאכט פעניץ (=טאוסט) פון ברויט און אפגעבאקן לאקשן, אז עס זאל זיך האלטן פאר לאנגע חדשים. מען האט פלייסיג געארבעט איבעראל, אבער קיין אפטימיזם איז נישט געווען.

אירענא'ס נעץ איז געווען דערטראנקען. פון טאג-צו-טאג איז ארויסשווערצן געווארן מער מסוכן. זי האט געמוזט מאכן א יד-אחת מיט די אונטערערדישע קעמפער און אידישע אויפשטאנד גרופעס, זיך צו באנוצן מיט זייער אינפארמאציע און אנטלויף-וועגן.

זיי האבן איר נאכאנאנד געפרעגט איבער ציאניד קאפסולן.

***

"יאנואר 1943 ־ אסתר שטראסבערג > סאפיא באדיס ־ יתומים-היים, פלאדי"

"יאנואר 1943 ־ רחל אפטעקער > יאדוויגא סזיסקא ־ יתומים-היים, פלאדי"

"יאנואר 1943 ־ פנחס זעטינגער > הענריק זאמאדא ־ יתומים-היים, פלאדי"

"יאנואר 1943 ־ אייזיק קופערמאן > וויטאלד גארנער ־ יתומים-היים, פלאדי"

ווען דער זייגער האט געקלאפט 3 פארטאגס, האט זיך אירענא אויפגעוועקט צו א שטילע קלאפ אויפן טיר פון איר דירה. זי איז שנעל געלאפן עפענען, אז איר מאמע אדער שכנים זאלן זיך נישט אויפוועקן.

ווי נאר די טיר האט זיך געעפנט, איז א שרעקליכע גערוך פון אפלויף אריינגעקומען אינעם אפארטמענט. א צענערלינג-מיידל מיט א קליינע פנים, קורצע האר און רעגן-מאנטל, איז דארט געשטאנען און געטרייסלט פאר קעלט. אירע ליפן זענען געווען בלוי און עטליכע פינגער האבן זיך ארויסגעשטעקט פון אירע צוריסענע הענטשוך. הינטער איר, האבן זיך געטוליעט פיר קינדער, איינגעהילט אין צוריסענע שמאטעס, אינגאנצן דורכגעווייקט, ווען פון זייערע קליינע מיילער קומען ארויס וואלקנס רויך.

"כ'בין... כ'בין 'טערעסא'." איר שטימע האט זיך געווארפן. "דו ביסט 'דזשאלענטא', יא? מיר זענען אפגעטיילט געווארן פון די אנדערע ביים אנטלויפן. דער אפלויף-מאן ־ דער איינציגער וואס האט אונז געפירט ־ איז געווען אינגאנצן אנגעטרינקען. איינער האט געגעבן א געשריי וועגן טרערן-גאז וואס די דייטשן פאמפן אריין אינעם אפלויף-קאנאל, און מיר אלע האבן אנגעהויבן צו לויפן. אנטשולדיגט אז כ'שטער... כ'קען קיינעם נישט..." 'טערעסא' האט נישט געקענט אויפהערן זיך ווארפן און אנגעהויבן וויינען.

"הער שוין אויף!" האט אירענא געשושקעט דערשראקן און איר שנעל אריינגעשלעפט אין איר אפארטמענט. די וויינענדיגע קינדער זענען נאכגעקומען ווי קאטשקעס נאך זייער מאמען.

ווען האסטיג פארמאכן די טיר, האט אירענא באמערקט איר שכנ'טע, פרוי מערזעק, ארויסקוקן פון א שפאלט אינעם טיר. זייערע בליקן האבן זיך באגעגנט פאר א סעקונדע און די שכנ'טע האט שנעל פארהאקט איר טיר. זי איז געווען א


נזר התלמוד
באורך נראה אור
יעדער
בחור ווערט
פערזענליך
באגלייט
צו פארזיכערן
אז זיין אינערליכע כוחות
בתורה ויראת שמים
זאל ארויסשיינען
כפי יכלתו
להעלות האור
קאמפיין להחזקת
ישיבת נזר
התלמוד
זונטאג
מאנטאג
פרשת מטו"מ
ישיבת נזר התלמוד לאנדאן יצ"ו

מיטל-יעריגע פרוי, וועלכע האט געוואוינט אליינס, אבער איז געווען א פאלקסדויטש ־ א פוילישע וואס האט געשטאמט פון דייטשלאנד, אסאך פון זיי פלעגן גערן קאלאבארירן מיט די נאציס. זיי האבן כמעט נישט אויסגעטוישט קיין ווערטער, אויסער זיך גריסן, אבער קיינמאל גערעדט איבער פאליטיק. אויב זי האט ביז היינט נישט פארדעכטיגט אירענא, וועט זי יעצט זיכער וויסן אז זי באהאלט אויס 'ווילדע קעץ'.

יעדער פאלאק האט געוואוסט וואס עס פאסירט צו די משפחות וועלכע זענען פאר'מסר'ט געווארן דורך אינפארמאטארן אדער 'שמאלצאווניקעס'.

מענטשן וואס האבן דאס אליינס צוגעזען האבן פארציילט, אז מען האט אויסגעשטעלט אין א רייע אלע פאמיליע-מיטגלידער, אין צייט וואס אלע שכנים האבן געדארפט צוקוקן. צום ערשט איז דער טאטע דערשאסן געווארן, דערנאך די קינדער ־ סיי די אייגענע און סיי די אידישע וועמען זיי האבן באהאלטן - און דאן איז די מאמע געשאסן געווארן. זייערע קערפער האט מען געלאזט ליגן אין גאס, אלס א ווארענונג פאר אנדערע פאלאקן, ביז דער טויט-וואגן איז געקומען דעם קומענדיגן טאג.

אירענא האט געשושקעט. "שנעל, אלע פון אייך, אריין אין באדע-צימער. נעמט אראפ אלע קליידער. אלעס!"

פלינק האט אירענא אריינגעגאסן קוילן אינעם קליינעם אויוועלע און געעפנט אלע פענסטער, טראץ די קאלטע נאכט. זי און 'טערעסא' האבן אויסגעטון די פיר קליינע, וואס אן זייערע אפלויף-פארשמירטע-קליידער, זענען זיי געווען שרעקליך-אויסגעמאגערטע און בלאסע סקעלעטנס. זיי זענען געווען צווישן 4 און 7 יאר אלט.

אינמיטן זיי אפוואשן האט 'טערעסא' איבערגעגעבן פאר אירענא זייערע נעמען און יארגענג. איינער, דער יונגסטער, איז ארויסגעשטאנען פון די איבריגע.

"דו ביסט פנחס?"

מיט זיינע הונגעריגע אויגן האט ער געקוקט אויף אירענא: "יא, פנחס זעטינגער."

"כ'קען דיין טאטן." זי האט ארויפגעגאסןווארעם וואסער אויף זיין קאפ. ער האט פארמאכט די אויגן און געשמייכלט. פאר 'טערעסא' האט אירענא געזאגט: "זיין טאטע איז געווען אן אדוואקאט. ער האט געארבעט מיט מיר אינעם סאציאלן-ביורא בעפארן קריג."

די טיר פונעם באדע-צימער האט זיך פלוצלינג געעפנט, און א קאלטער ווינט האט אריינגעבלאזן. אירענא'ס מאמע איז דארט געשטאנען מיט גרימאסן אויפן פנים צוליב דאס עקלהאפטע אפלויף-גערוך.

"אירענא, וואס איז דאס?"

ווייטער אפשוועקנדיג איינעם'ס רוקן, האט זי זיך אנגערופן: "אידן פונעם אפלויף-קאנאל. מאמע, זארג זיך נישט. זיי וועלן זיין ארויס פון דא איידער פרוי ווארסיזקא וועט אנקומען." ווארסיזקא פלעגט קומען יעדן צופרי זיך אפגעבן מיט דזשענינא, אין דער צייט וואס אירענא איז געווען אינדרויסן. זי איז געווען אן עלטערע פרוי, אן אלמנה פון אן אינזשעניר וועמען די דייטשן האבן ערמארדעט.

נאך דריי-און-א-האלב יאר פון דייטשע אקופאציע, איז עס געווען דאס ערשטע מאל וואס אירענא האט געברענגט באהאלטענע אידן צו איר מאמע'ס הויז. איר מאמע האט גוט געוואוסט אז זי איז פארמישט אין אומלעגאלע אקטיוויטעטן, אבער זי האט קיינמאל נישט געפרעגט איר טאכטער קיין דעטאלן. מען האט אליין פארשטאנען אז אין מלחמה-צייטן איז נישט גוט אז קיינער זאל וויסן איינצלהייטן, אין פאל די דייטשן כאפן און די געסטאפא-אגענטן פארשן.

"מאמע, ברענג נאך זייף, ביטע!" האט אירענא געזאגט מיט א בלעכענע פנים. "'טערעסא', וואו דארפן די קינדער גיין?"

"אריבער דעם ווייסל טייך, צו איינע פון די יתומים-הייזער פון מאטיילדא געטער אין פלאדי."

דזשענינא איז צוריקגעקומען מיט א שטיקל זייף. "דא האסטו. לאמיר העלפן." זי האט זיך אראפגעבויגן נעבן די וואנע און געהאלפן אפוואשן די קינדער.

"אנטשולדיגט, מאמע. דאס האט נישט געדארפט געשען."

ווען דער זייגער האט געקלאפט זיבן, האבן די פיר קינדער, אין באגלייטונג פון 'טערעסא', ארויסשפאצירט, פריש אפגעוואשן, מיט פאלשע 'קעננקארטעס', 1200 זלאטעס און כמעט אנעם אפלויף-גערוך.

ארבעטנדיג א גאנצן טאג אין געטא, איז אירענא קיין מינוט נישט געווען רואיג. זי האט מורא געהאט אהיימצוקומען, זייענדיג זיכער אז פארנט פון איר הויז ווארטן איר אף די שווארצע אויטאס פון די ברוטאלע געסטאפא-אגענטן.

איר מוח האט גאלאפירט און זי האט געטראכט פון די זוכענישן אין איר אפארטמענט, די ברוטאלע באהאנדלונג און די רייזע צום הויפטקווארטיר פונעם געסטאפא אויף סאזאכא נומער 25 פאר אויספארשונגען. זי האט אן אויפהער אוועקגעשטופט די געדאנקען, וועלכע האבן איר נישט געלאזט ארבעטן.

ווען זי איז אהיימגעקומען נאכמיטאג, האבן אירע פיס זיך געווארפן ארויפגייענדיג די שטיגן, טראץ וואס אלעס האט אויסגעזען צו זיין נארמאל. די טירן זענען געווען גאנץ, איר מאמע האט איר אויפגענומען מיט א שמייכל, און קיין ווארט נישט דערמאנט פונעם נעכטיגן אינצידענט.

אבער אירע געדאנקען האבן איר נישט געגעבן קיין מנוחה: 'ווער פרוי מערזעק מיר פארראטן? אדער גאר האט זי דאס שוין געטון, און עס איז נאר א פראגע פון צייט ביז מען וועט קומען נאך מיר?'

**וואספארא מאסן-רעוואלט גרייטן די אויפשטענדלער? ־ פארזעצונג קומענדיגע וואך, אי"ה!**

בסיעתא דשמיא

# ג"ם את הדו"ד וגם את האר"ן

בשיר וקול תודה ורננים, טובים השנים, בעת שהשמחה במעונים, ויהי דו"ד בכל דרכיו משכיל, עט סופר מהיר בטוב טעם מתובל, דולה ומשקה מבארות עמוקים, רבים נהנים מאוצרותיו הבהירים שבעתיים מזוקקים, לברר מקחו של גאונים וגדולים, חובר חיבורים מחוכמים, פאר המעלות ומדות ישרים, צנא מלא ספרא, ה"ה

## הרה"ג ר' דוד שלעזינגער שליט"א

## לרגל שמחת הולדת בנו

למזל טוב

ולהגיד שבחו של אהר"ן, זית רענן, זך הרעיון, במיטב הגיון, עט סופר מהיר ברוך הכשרון, בהכשר ויתרון, יקר הערכין, הוגה בתורה וחסידות, פאר המעלות והמדות, ה"ה

## הרב אהרן הלוי הורוויץ הי"ו

## לרגל שמחת הולדת בתו

למזל טוב

ויה"ר שיזכו לראות ולרוות רב נחת ותענוג דקדושה, במדה מרובה וגדושה, להמשיך הלאה במעשיהם הטובים לזכות את הרבים, בפרי תנובתם המרובים, מתוך הרחבת הדעת נחלה בלי מיצרים, בשפע רב בכל הענינים, כתיבה תמה לטב ולשלם, אך טוב וחסד בנעימים, עדי הזכה לביאת גוא"צ בב"א.

חברים העוסקים בצוותא חדא בחברת

**BG Group**

גדול העונה יותר מן המברך

בערל גאטעסמאן

## חמרא טבא

### מען וויל א איד א טובה טון אבער ער לאזט זיך נישט

**נאום שומע אמרי קל.**

צו דער הייליגער ריזשינער איז אמאל געקומען א איד וואס איז געווען א גרויסער עושר אבער איז שפעטער געווארן א גרויסער יורד ל"ע און זיך שטארק געמוטשעט אויף פרנסה און אויך געליטן אנדערע יסורים, בעטנדיג אז דער הייליגער ריזשינער זאל אים א ברכה געבן אז ער זאל ארויסגיין פון זיין קלעם. דער ריזשינער האט אים אנגעוואונטשן און פאר א שטיק צייט איז געווען א שטיקל דערלייכטערונג, אבער עס איז געווען ווייט פון וואס ער האט געוואלט און געטראכט.

דער איד זעענדיג אז די ישועה זוימט זיך, איז ער נאכאמאל געקומען צום ריזשינער און שטארק מפציר געווען, דער צדיק האט אים געוואונטשן, אבער טראץ די ברכה, האט זיך נישט עפעס עקסטער א רוק געגעבן די ישועה און דער איד איז געקומען צום דריטן מאל צוגיין צו דער הייליגער צדיק בעטנדיג א ישועה.

דאסמאל איז דער איד זייענדיג אזוי צובראכן פון זיין מצב, אנגעהויבן זיך מתרעם צו זיין אויף דער מצב אין וואס ער געפונט זיך. "רבי, איך האלט שוין נישט אויס, עס איז אומדערטרעגליך, ווען וועט שוין קומען די ישועה".

פאר דער הייליגער צדיק האט זייער פארדראסן די ווערטער. ער האט נישט געגליכן אז א איד רעדט אזוי און זיך אנגערופן צו אים אז מען טרעפט אז ביי א מענטש איז דא פיר דרגות און יעדער פון די דרגות האט א נאמען. די העכסטע דרגה איז 'אדם', א דרגה קלענער איז 'איש', א דרגה נידריגער איז 'אנוש' און די נידריגסטע דרגה איז 'גבר'.

דאס איז דא מרמז די תורה. ער זאגט נאום הגבר שתום העין – ווען א איד איז אין א נידריגער דרגה איז ער אין די בחינה פון שתום העין זיינע אויגן זענען פארשטאפט, ער זעט נישט ווי די גוטס פון השי"ת קומט צו אים, ווייל וואלט ער ווען יא געזען, וואלט מקויים געווארן ביי אים וואס עס שטייט ווייטער – נאם שומע אמרי קל אשר מחזה שדי יחזה – אז ווער עס זעט די וועגן פון השי"ת, זעט אז אויך – נופל – ווען א איד פאלט איז עס א טובה פאר אים – וגלויי עינים - ווייל מיט אפענע אויגן זעט מען אז אויך אין די נפילה איז דא א ישועה.

דערביי האט זיך דער ריזשינער אויסגעדרייט צו די ארומיגע און זיי געזאגט: קוקטס, פון הימל וויל מען העלפן דעם איד, אבער ער לאזט זיך נישט.

[כנסת ישראל]

## ותימרון חידושא

י. ק. קענווי איילענד

## הלכות שלוחי ציבור (ג)

### שאלות

**[טז] שאלה: צי איז דער שליח ציבור מחויב צו מאכן די כריעות ביי הויכע שמונה עשרה אזוי ווי ביי שטילע שמונה עשרה?**

**[יז] שאלה: א שליח ציבור וואס ווייסט אז מכה אימתא דציבורא וועט ער נישט קענען מכוין זיין ביי אבות, צי מעג ער צוגיין צום עמוד?**

**[יח] שאלה: וויפיל מענטשן וואס האבן שוין געענדיגט שמונה עשרה דארף מען האבן צו קענען זאגן חזרת הש"ץ [ועיין שאלה כ'].**

**[יט] שאלה: וויפיל מענטשן וואס האבן שוין געענדיגט שמונה עשרה דארף מען צו קענען זאגן קדיש [למשל ביי מעריב]?**

**[כ] שאלה: ווען עס איז שוין דא ניין מענטשן וואס האבן געענדיגט, אבער רוב עולם דאווענט נאך שמונה עשרה, קען מען אנפאנגען שמונה עשרה/קדיש?**

זע די תשובות אויף זייט 35

וועד הפועל
לעזרת הישיבות
ענגלאנד יצ"ו
בנשיאות הרבנים הגאונים שליט"א
הגאון ר' ברוך נתן האלבערשטאם שליט"א • הגאון ר' חיים מנחם גאליצקי שליט"א • הגאון ר' יוסף יהודה חיים שליט"א
הגאון ר' יוסף יהודה פאחזא שליט"א • הגאון ר' משה מנחם חיים שליט"א

# גזירות החינוך צוריק אויפ'ן טיש דורך די נייע רעגירונג

אין די פארגאנגענע פאר יאר זענען ארויפגעשוואומען כסדר'דיגע געזעץ פארשלאגן איינצוצוימען אדער פארמאכן די ישיבה קטנות דאהי. מיט סייעתא דשמיא זענען אלע גזירת אויף ישיבות פאראנקערט און בטל געווארן איינס נאכן אנדערן.

קודם איז געווען די טרויעריג באקאנטע Bill School וואס האט געדראעט צו פארשליסן די ישיבות, אבער די רעגירונג האט דאן צוריק געטרעטן אינמיטן די קאמיטע שטאפלען. דערנאך זענען אפירגעקומען עטליכע פריוואטע bills וואס register וואלטן אנגעמאכט קאפוויי אויף עלטערן וואס שיקן אין ישיבה, אבער איינס ביי איינס זענען אוועקגעפאלן, ווי די שטייגער פון פריוואטע ביללס.

פאריגע וואך איז אריינגעוועלט געווארן א פרישע רעגירונג, און נעכטן נאכמיטאג האבן זיי געמאלדן זייער אגענדע פאר די קומעדיגע פארלימענט סעסיע (ד.ה. די קומעדיגע יאר צוויי) ביי די קעניג יר"ה'ס רעדע צום עפענונג פון די פארלימענט סעסיע.

ביי די רעדע (פארגעשריבן דורך די רעגירונג) האט די קעניג געמאלדן אז די רעגירונג וועט אריינברענגען א געזעץ גערופן Children's Wellbeing Bill וואס וועט ארויפלייגן גרעסערע פארלאנגען אויף רעגיסטרירטע מוסדות, און וועט געבן פאר אפסטעד מער כח אפצושפארן נישט רעגעסטרירטע מוסדות, און בנוסף וועלן זיי ארויפצווינגען א children register א שטייגער ווי די Register bill . דאס איז באגריסט געווארן דורך שונאי הדת.

די נוסח פון די אויבנדערמאנטע ביל איז נאכנישט פאבליצירט געווארן ע"כ ווייסט מען נאכנישט די פרטי הגזירה ווי ביטער דאס איז, אזוי אויך ווייסט מען נישט ווי שנעל זיי וועלן דאס ארויפברענגן אבער טאקע יעצט פאר עס ווערט ארויפגעברענגט איז די ריכטיגע צייט איינצורייסן בתפילה ותחנונים אז דאס זאל נישט צושטאנד קומען. די עסקני הוועד זענען עוסק אין די טעג אנקצוקניפן קשרים מיט די נייע רעגירונג און מען האפט בזכות תפילת ישראל אז מען וועט קענען מונע זיין יעדער אריינדרינגונג אין אונזער חינוך.

> **יעצט פאר עס ווערט ארויפגעברענגט איז די ריכטיגע צייט איינצורייסן בתפילה ותחנונים אז דאס זאל נישט צושטאנד קומען**

**הוועד**



שמעון שטרייכער

# וויאזוי מאכט מען חתונה היינט צוטאגס?!

**אין אפענע שמועס מיטן מחותן הר"ר יהושע האנשטטער הי"ו - ווערכער גרייט זיך חתונה צו מאכן צוויי קינדער - איבער די חתונה קריזיס און די לעזונג דערצו**

**שבת בשבתו זעצט זיך שמועסן מיט ר' יהושע צו הערן פון אים איבער גאר וויכטיגע טעמעס ארום און ארום חתונה מאכן. וואס איז א גרעסערע אישו, חתונה מאכן אדער בושה? - איז די חתונה נאכט די איינציגסטע פלאץ וואו מ'קען שפארן? - וואס געשעט ווען מ'איז נישט אויפריכטיג מיט די פינאנסן? - וויפיל דארף א תנאים און שבע ברכות באמת אפקאסטן? - קען מען זאמלען געלט אין לאנדאן? - זענען די עשירים טאקע נישטא צו העלפן? - געדאנקען וויאזוי צו פארבעסערן די חתונה מאכן אין אלגעמיין - מחותן ערפארונג און פיל נאך...**

ס'איז געווען אין א געווענליכע טאג, ווען איך בין אריינגעקומען אין ביהמ"ד צו מנחה מעריב און איך הער ווי ר' יהושע האנשטטער הי"ו טוט אונטערהאלטן דעם ציבור מיט פרישע רעיונות. אין אנהייב איז עס נישט געווען אזוי ארויסשטארנד, ווער עס קען ר' יהושע ווייסט אז ער איז אייביג גרייט צו מיטטיילן א גוט ווארט פאר אידן וואס שטייען ארום זיין טיש.

ס'האט אבער נישט לאנג גענומען ביז ווען איך האב מיך געטראפן צוגענאגלט נעבן זיין טישל און געווארן א טייל פון די צוהערער וואס האבן זיך צוגעהערט ווי ער רעדט איבער א נושא וואס איז נישט אזוי געשמאק צו רעדן. ער רעדט טאקע וועגן א היפש אויסגעדראשענע נושא - אבער פארט זייער א וויכטיגע - איבער די שוועריקייטן וואס די איבערגעטריבענע הוצאות פון חתונה מאכן קינדער לאזט איבער. ווי געזאגט איז שוין אסאך טינט געווארן פארגאסן פאר אט דעם נושא אבער דאסמאל רעדט ער פון גאר צווייטע קוק ווינקל, ס'איז מיר געווארן אינטערעסאנט צו אונטערהערן.

פון איין זייט האט ער אנגעכאפט א נושא וואס מוטשעט אסאך מחותנים, אבער אין די זעלבע צייט האט ער נישט געזוכט צו וויינען און קרעכצן, און ער האט נאך צוגעלייגט "ס'איז נאך קיינער נישט געהאלפן געווארן דורך וויינען און קלאגן..." ער האט ליבערשט זיך אריינגעלאזט אין פארשידענע געדאנקען וויאזוי ער זעט אז מ'קען אוועקשטעלן געוויסע הילפ'ס מיטלען.

ער האט אין די זעלבע צייט אוועקגעשטעלט א קלארשטעלונג אז ס'איז זייער שיין צו רעדן איבער פלענער און רעיונות, אבער געדאנקען וואס זענען נאכנישט בעלמא הדין איז נאכנישט קיין



לעגאטימע לעזונג, דערמיט איז ער צוגעקומען צו א פרישע אונטערנעמונג וואס ער אליינס האט אונטערגענומען אין די טעג זיך אליינס ארויסצוהעלפן.

ר' יהושע שטייט גאר נאנט צו חתונה מאכן צוויי קינדער, שוין נאכן חתונה מאכן דריי קינדער אין די לעצטע דריי יאר. ס'רעדט זיך פון דריי שטיף קינדער און צוויי פון זיינע אייגענע, וואס דאס האט אים געברענגט צו שפירן מערערע מאל די שוועריקייטן וואס עס נעמט אריין צו קענען אויסצאלן א חתונה.

נאכן הערן פון ר' יהושע וויאזוי ער איז אזוי גוט מקיף די גאנצע נושא ביזן טרעפן לעזונגען אפילו אויף וועגן וואס הערט זיך נישט אזוי געשמאק, האבן מיר געהאלטן אז דאס קען זיין גאר אינטערעסאנט צו מיטטיילן לטובת הציבור און אדרבה זאלן אידן אויסקאכן די טעמעס וואס ער ברענגט ארויף און אזוי וועט מען קענען טרעפן ווייטערדיגע לעזונגען פאר א פראבלעם וואס ווערט נאר גרעסער פון יאר צו יאר.

## אויסערליכע איבערבליק

**איידער מ'לאזט זיך אריין צו רעדן וועגן געדאנקען וואס קענען העלפן ווען עס קומט צו חתונה מאכן, בעט איך ר' יהושע אז ער זאל אביסל מיטטיילן די מצב ביי מחותנים היינטיגע צייטן אין אלגעמיין, ער איז דאך יעצט אליינס א מחותן צוויי מאל בלע"ה און ער הערט אויך אסאך פון אנדערע מחותנים, דעריבער איז ער דער ריכטיגער מענטש צו קענען ענטפערן אזא פראגע.**

ער לאזט זיך אריין אין ציפערן וואס ער האט אליינס בייגעוואוינט ביזן מיטטיילן וואס ער הערט פון אנדערע מחותנים וואס געפינען זיך אין ענליכע שיך ווי אים.

ער לייגט אראפ מיט הארטע ציפערן. "ווען איך האב חתונה געמאכט זעקס יאר צוריק האט עס מיר געקאסט 35,000 פונט אלעס אינאיינעם, אבער מיט א שפרינג פון בלויזע עטליכע יאר האט מיר די לעצטערע חתונות אפגעקאסט פי כמה און איז אריבערגאנגען די 60 אלפים, שוין נאכוואס איך האב פרובירט צו שניידן וויפיל איך האב געקענט.

"די מציאות היינטיגע טעג איז זייער קלאר, כאטש 90 פראצענט מענטשן קענען נישט דערהייבן די שווערע אוממעגליכע עול! ס'איז זייער שווער אבער אין די זעלבע צייט דארף מען זיין אויפריכטיג צו די אישו און צו די ריכטיגע לעזונגען און נישט סתם זיצן און זיך אויפעסן די געזונט.

"איך וואלט געזאגט אז ווען מ'לערנט אפ גוט די נושא וועט מען זען אז די עכטע שוועריקייט איז די



בושה וואס נעמט ארום, מ'מיינט אז מ'איז אליינס אויפן וואסער און מ'הייבט זיך אן טינקען אין חובות. אלס איינער וואס איז דאס שוין אריבער עטליכע מאל פארשטייט איך זייער גוט, ס'איז נאטורליך אז מ'טוט זיך שעמען צו פארציילן, אבער די תוצאות פון דארפן אנהייבן דרייען ריזיגע חובות איז עפעס וואס איז אסאך שווערער ווי די בושה.

"די פאקט איז, אז אזוי לאנג ווי מ'זיצט אין בושה קען מען נישט טראכטן פון קיין לעזונג וועלכע וואלט כאטש געקענט ברענגען א ישועה פורתא, אז מ'דארף שוין יא צוקומען צו מענטשן - אזוי ווי די מערהייט פונעם ציבור - איז ווירקליך צו זיין אפן דערמיט און נישט לעבן פארשלייערט וואס דאס מאכט עס נאך שווערער.

"אזוי לאנג ווי מ'הייבט נישט אליינס אן טון צו די זאך וועט מען אנהייבן באשילדיגן די רייכע מענטשן און מ'וועט זיך עסן אין זיך, קלערנדיג אז דער און יענער וואלט ווען געדארפט העלפן, ווען אין פאקט איז די שילדיגע נישט עפעס אנדערש ווי די בושה אליינס, וואס לאזט נישט דעם מענטש זיין אפן און רעדן דירעקט צו נאנטע איבער די שווערקייטן און דאס פירט צו די אומגעוואונטשענע, אז מ'ווערט אנגעלאדנט מיט חובות עד למעלה מראש ה"י.

"איך האב אליינס לעצטנס געוואונען א נייע צוגאנג און אזוי איינגעזען אז מענטשן זענען זייער גוט, מענטשן ווילן העלפן, רייכע אידן ווילן העלפן, פשוט'ע אידן ווילן העלפן, יעדער וויל העלפן, אבער דאס קען נאר קומען ווען מ'וויל זיך אליינס העלפן און מ'איז גרייט צו אנערקענען די מציאות אז חתונה מאכן א קינד איז נישט עפעס וואס די מערהייט קען דורכטראגן אויף די אייגענע הענט."

איך הער מיר צו ווי ר' יהושע לייגט אראפ זיין בליק און איך וויל שוין אנהייבן רעדן וועגן זיין פרישע צוגאנג וואס האט אים געגעבן נייע בליקן און עס האט אים אליינס געהאלפן. אבער ערשטנס לאזט ער זיך אריין צו רעדן אביסל ברייטער איבער די אישו אין אלגעמיין, ער וויל רעדן וועגן זאכן בכלליות אײדערן צוקומען צו זיין אייגענע ערפארונג.

## די עכטע אויסוואל איז שניידן און נאכמאל שניידן

**נאך וואס מ'האט עסטעבלעזירט אז די פרייז פון חתונה מאכן איז הימל שרייענד לאזט זיך ר' יהושע אריין אין די נושא פון שניידן די הוצאות. אזוי לאנג ווי מ'קוקט נישט אריין אין קיין פרטים צו טרעפן וואו מ'קען אראפשניידן נאך אביסל הוצאות וועלן די גרויסע בילס וואקסן ווי אויף הייוון!**

ער איז גאר שטארק מחשיב די פרישע אויפשטייג פון די נייע חתונה פעקעדזשעס פון "בשפע" וואס וועט שטארק פארלייכטערן די מצב פון חתונה מאכן. ער לייגט אבער אראפ א שטארקע יסוד וואס געבט צו פארשטיין אז זיך צו נעמען בלויז אויף די חתונה נאכט וועט נישט שליכטן די גאנצע מוטשעניש.

ער דריקט זיך אויס מיט שטארקע הכרת הטוב. "איך בין שטארק מכיר טובה פאר די עסקנים וואס שטייען אונטער די פרישע מאוומענט צו אראפברענגען די קאסטן פון די חתונה נאכט, אבער אין די זעלבע צייט איז וויכטיג ארויסצוברענגען אז אויב מ'לייגט נישט קיין געוויכט צו שניידן פון אלע זייטן וועט מען נישט אויפטון קיין סאך אפילו ווען מ'שפארט ביי די חתונה נאכט," דריקט ער אויס זיינע מחשבות איבער די פרישע מאוומענט.

> **מ'דארף אריינברענגען די נושא אין די בתי חינוך און מסביר זיין פאר די קינדער אז ס'איז בכלל נישט קיין וויכטיגע זאך צו האבן א תנאים. מ'איז שוין געקומען צום שידוך שליסן זיך צו וואונטשן און מ'האט יוצא געווען**

"ווען מ'קוקט אריין טיפער וועט מען זען ווי מ'טוט אזויפיל זאכן וואס קיינער דארף נישט; בלויז די תנאים קען צופירן צו לייכטערהייט אראפוואשן איבער 5 אלפים."

פון פרינציפ אויס זעט ער בכלל נישט די וויכטיגקייט פון דארפן מאכן א תנאים, ווי מ'האט טאקע געהערט לעצטנס א פרישע אויפשטייג ביי די באבוב'ער חסידות. ער וואלט עס מעיקרא נישט געמאכט, אבער אז מ'מאכט שוין יא זאל עס זיין די ביליגסטע וואס איז נאר שייך.

"מ'דארף אריינברענגען די נושא אין די בתי חינוך און מסביר זיין פאר די קינדער אז ס'איז בכלל נישט קיין וויכטיגע זאך צו האבן א תנאים. מ'איז שוין געקומען צום שידוך שליסן זיך צו וואונטשן און מ'האט יוצא געווען," דריקט ער אויס זיינע האפענונגען.

"די זעלבע אישו געשעט ביי די שבע ברכות, ווען מ'מיינט אז מ'מוז יעדע נאכט צושטעלן א רייכע שבע ברכות וואס קאסט אפ עטליכע אלפים. מ'רעכנט זיך איין אז דער און יענער וועט מאכן, וואס דאס



אליינס איז אויך נישט וויכטיג, אבער ביי די ענדע געשעט זייער אפט אז דער ארעמער מחותן וואס איז שוין צעפליקט פון אלע זייטן דארף יעצט צושטעלן נאך אפאר רייכע שבע ברכות'ן ווייל ער דארף זיך צושטעלן צו די מענטשהייט."

ער מיינט חלילה נישט צו זאגן אז חתן און כלה זאלן הונגערן די גאנצע ימי שבע ברכות, ווי ער ערקלערט מיט א לאגיש פראגע, "וואס איז דען שלעכט צו מאכן א קליינע געשמאקע סאפער ביי קרובי משפחה, צו וואס פעלט אויס די גאנצע געטומל, ווער פינקטליך איז אינטערעסירט דעריין און פאר וועמענ'ס בענעפיט מאכט מען עס, פון וואו שטאמט די מנהג צו מוזן יעדן טאג מאכן שבת ברכות און ווער פינקטליך דארף עס באצאלן?" דריקט ער אויס אן האבן קיין שום ערקלערונג אויף די טייערע שבע ברכות'ן וואס איז נישט קיין טובה פאר קיינעם.

## די וויכטיגקייט צו זיין אפן מיט די ריאליטעט

**נאכן אנהייבן בארירן די שפיץ בארג קומט ער ווידער צוריק צו די נקודה מיט וואס ער האט אנגעהויבן, דאס איז די נושא פון זיין אפן מיט די אייגענע פינאנציעלע לעבן. צו באהאלטן די עכטע אמת וואס טוט זיך אין קעשענע וועט בלויז צעקלאפן נישט קיין צווייטן ווי זיך אליינס.**

"די שלייער וואס מ'לייגט ארום זיך טוט אויך שטארק אויסקלאפן," טוט ער באטאנען. "אזוי לאנג ווי מ'איז נישט אפן מיט זיך אליינס וועט מען דארפן שפילן די שפיל און איינרעדן דעם מחותן אז מ'איז א שיינער איד און אין די זעלבע צייט וועט דער צווייטער מחותן שפילן די שפיל אויף פארקערט.." ברענגט ער ארויס די ווייטאגליכע סענעריע ווען צוויי מחותנים יענקל און משה ווערן צעפליקט איינער וועגן דעם צווייטן.

"ווי שיין קען עס זיין ווען ביידע מחותנים וועלן נאכן שידוך שליסן ארויסלייגן די פינאנציעלע ביכער אויפן טיש, און רעדן וועגן די נושא אפן און קלאר, אזוי וועט מען קענען שניידן אסאך פון די טייערע אויסגאבן. צו זיין אויפריכטיג, מ'מוז נישט איינקויפן קליידונג און פורניטשער פאר די קומענדיגע צען יאר, וואלט דען נישט געווען בעסער צו איינקויפן מינימאל און אזוי לייכטער מאכן אזא תקופה ווען די פינאנציאלע לאגע איז אזוי ארויס פון קאנטראל," שמועסט ער אויס די וויכטיגקייט פון זיין אפן. ער לייגט נאך צו ציניש גערעדט: "אז מ'זאל ווען נישט מאכן קיין שבע ברכות וואלט מען זיך אזוי געקענט שפארן נאך עטליכע קליידער..."

"ווען ביידע מחותנים וועלן זיין אפן וועט מען זיך נישט דארפן באווייזן מיט 300 פונטיגע לינען סעטס, מ'קען שניידן, מ'מוז נישט קויפן געשיר גענוג פאר צען נפשות, מ'מוז אפילו נישט קויפן קיין אכט בענקלעך, ס'איז נאך דא צייט פאר דעם."

> **אזוי לאנג ווי מ'איז נישט אפן מיט זיך אליינס וועט מען דארפן שפילן די שפיל און איינרעדן דעם מחותן אז מ'איז א שיינער איד און אין די זעלבע צייט וועט דער צווייטער מחותן שפילן די שפיל אויף פארקערט**

ער טוט זיך אויסקלארן אז מ'זאל נישט מיינען אז ער איז געקומען זאגן פאר אנדערע וואס צו טון, ווי ער דריקט זיך אויס: "יעדער זאל טון גענוג וויאזוי ער פארשטייט. אבער דאס איז אמאל זיכער אז ווען מ'איז אפן מיט די נושא און מ'קוקט אן די נושא אביעקטיוו וועט מען קענען שניידן פון אלע זייטן. מ'וועט זיך קענען בעסער דורכקומען איבער ווי ביליג די חתונה פעקעדזש זאל זיין אא"וו."

## א לעזונג פארן לאנגער טערמין - יעדער קינד קען זיך אליינס חתונה מאכן!

**איך פרעג ר' יהושע וואס מ'קען טאקע טון צו ברענגען א לעזונג פארן לאנגער טערמין, ס'וועט דאך שווערער און שווערער מיט די יארן.**

ער דריקט זיך אויס אז שוין עטליכע יאר דרייט ער זיך ארום מיט א פלאן אין קאפ, אבער מ'האט אים אייביג ערקלערט אז עס וועט נישט קענען ארבעטן. אבער אצינד גלייבט ער אז ס'איז דא נייע האפענונג.

מיר לאזן זיך אריין צו הערן וועגן זיין פלאן וואס ער האפט שטארק צו זען געשען. ערשטנס ווערט ער פארבעטן צו פאַרלייגן די פלאן וואס ליגט אים אין קאפ.

ער ברענגט ארויף אויפן טיש א בריליאנטענע איינפאל. "איך פלעג אייביג פרעגן אזא פראגע, פארוואס דארף א מחותן שלעפן הוצאות החתונה פאר א גאנצע שטוב מיט קינדערלעך בלע"ה, וואלט דען נישט בעסער געווען אז יעדער קינד זאל זיך אליינס אויסצאלן די חתונה?!"

אין די זעלבע צייט וואס ער ברענגט ארויס די מהלך לייגט ער צו אז מ'פלעגט עס אייביג אוועקמאכן. "מ'פלעגט מיר זאגן אז די פלאן איז א גוטער, אבער אין די זעלבע צייט האט עס נישט קיין זכות קיום צוליב וואס די יונגע פארפעלקער קענען נישט אפצאלן די געלטער וואס



אפילו איין בלויז חתונה קאסט אפ און דאס האט אים ממש ווי געמאכט זיך מייאש זיין אז אזא פלאן זאלן נאך אמאל קענען געשען."

אבער אין די לעצטערע תקופה האט ער באקומען נייע האפענונג און ער וויל עס ארויפברענגען אויפן טיש צו הערן דעם דעת הציבור. "ווי אלע האלטן מיט, זענען אין די לעצטערע יארן מערערע קהילות אויפגעקומען מיט ריזיגע קאסעס וואס שטעלן אוועק א מהלך צו העלפן בני הקהילה.

"די מהלכים ארבעטן אז מ'הייבט שוין אן אריינלייגן געלט קורצליך נאך די חתונה, מיטן חשבון אז מיט די יארן זאל מען קענען ארויסבארגן הונדערטער טויזנטער פונטן צו קענען חתונה מאכן איין קינד נאכן צווייטן.

"די פאקט אז יונגע יונגעלייט הייבן שוין אן אריינלייגן געלטער וויקלט מיר אויף מיין פלאן אז מ'זאל יא קענען נעמען די פלאן אין באטראכט. זאל יעדע קינד אליינס אויסצאלן די חתונה און אזוי אראפנעמען די שווערע לאסט פון די עלטערן."

די פלאן זיינער הערט זיך געוואלדיג אבער אין די זעלבע צייט פרעגן איך ר' יהושע ער זאל געבן צו פארשטיין וויאזוי די פלאן זאל ארבעטן. ער לייגט פאר איין ווערסיע: "לאמיר זאגן אז מ'וועט אויפנעמען א קאסע וואס בארגט 40 אלפים פאר א חתונה, און יעדער מחותן וועט אריינלייגן נאך 10 אלפים און עס וועט קומען מיט תנאים אז מ'דארף שפארן געלטער פון אלע זייטן כדי צו קענען האלטן די גאנצע חתונה ביי 60 אלפים פאר ביידע זייטן צוזאמען.

"די פארפאלק וועט מאכן מינימאלע פעימענטס פון בלויז 150 פונט א חודש און מיט עטוואס מער ווי 22 יאר וועט די גאנצע חוב זיין אפגעצאלט און די קינדערלעך וואס וועלן שוין דאן זיין מחותנים פאר די קומענדיגע דור בס"ד, וועלן קענען צוגיין צו די חתונות מיט א רואיגער געמיט!"

ר' יהושע איז מסביר וויאזוי די יעצטיגע מציאות איז בעסער ווי גארנישט אבער איז פארט נישט דער תיקון השלם. "די יעצטיגע וועג וויאזוי די גמ"ח'ן ארבעטן איז אין אנדערע ווערטער, אז יעדער יונגערמאן לייגט אריין געלט פאר 20 יאר נאך די חתונה, כדי.... אז נאך צוואנציג יאר זאל ער קענען ווערן א בעל חוב... יא, עס איז טאקע בעסער א בעל חוב מיט גרינגערע פעימענטס ווי אן דעם, אבער פארוואס זאל מען נישט זען דערצו אז פאר די זעלבע געלט וואס מ'לייגט אריין זאל מען קענען באצאלן די אייגענע חתונה און דערנאך איז מען געענדיגט מיט אלעס.

"די קהילות בארגן במילא אויס געלט פאר די בני הקהילה, פארוואס זאל מען נישט בארגן די זעלבע געלט פאר די יונגעלייט און אזוי העלפן טוישן די גאנצע דינאמישע בילד און פארמיידן די בני הקהילה פון דארפן צאלן הונדערטער טויזנטער פונטן חובות?!"

איך זאג פאר ר' יהושע אז די פלאן הערט זיך גאונות'דיג אבער למעשה פון וואו וועט מען שאפן די געלטער צו קענען אויסבארגן, מ'רעדט דאך פון שווערע מיליאנען אויף וואס ער זאגט אז דער ענטפער איז פשוט, טראץ וואס מען דארף עס פארשטייט זיך גוט אויסארבעטן. "הונדערטער מחותנים מאכן חתונה און מ'שלעפט געלטער פון אלע זייטן, די געלט ווערט געדעקט פון ערגעץ, מ'שנארט און מ'דרייט, אז מ'וועט קענען אוועקשטעלן א ריזן געמיינזאמער קאסע וועט עס קענען האבן א שטארקע הצלחה. נאך מער, צווישן אלע גמ"ח'ן דא אין שטאט דרייען זיך מיליאנען פונטן וואס מענטשן זענען שולדיג בלויז צוליב'ן חתונה מאכן די קינדער, נו, אז זיי וועלן נישט דארפן חתונה מאכן וועלן די אלע געלטער קענען גיין צו פארבארגן פאר יונגעלייט," דריקט ער זיך אויס מיט האפענונג, "אין די צייט וואס ער בעט פון אנדערע וואס האבן א קלארע מהלך וויאזוי אזא קאסע קען ארבעטן זאל קומען ערקלערן.

**אויב זאל מען אנהייבן רעדן צו קינדער שוין אין די יונגערע יארן, וועט זיי עס צוביסלעך אריינגיין אין קאפ, און מען וועט קענען מיט די צייט אוועקשטעלן א דור וואס וועט פארשטיין די ריכטיגע וועג וויאזוי מען דארף חתונה מאכן.**

## רעדן צו די קינדער אין די יונגע יארן

**פון צווישן זיינע ווערטער האט ער אויסגעדריקט האפנונג אז מ'זאל קענען אראפברענגען די חתונה קאסטן צו בלויז 60 אלפים אין א צייט וואס ער האט פריער ערוועהנט אז אין די היינטיגע טעג צאלט יעדער צד גאנצע 60 אלפים. איך פרעג פון ר' יהושע אויב ער קען ערקלערן וויאזוי ער זעט מיט זיין וויזיע צו קענען דערגרייכן אזא חלום.**

ער געבט אן אז לויט וויאזוי ער זעט די ברייטע בילד איז עס נישט עפעס וואס איז נישט מעגליך, ס'איז א מיינדסעט וואס מ'דארף טוישן און נישט קיין מציאות וואס מ'דארף טוישן.



לויט ווי ער לייגט עס אראפ איז א שטארקע גורם די פאקט אז עס איז שווער מסביר צו זיין פאר די קינדער אין די עלטערע יארן פארוואס זיי זאלן מוותר זיין פון דאס וואס זייערע חברים און חבר'טעס האבן געהאט.

"כ'וועל דיר געבן א משל," איז ר' יהושע מסביר. נעם א דריי יעריג קינד וועלכער גרייט זיך שוין לאנגע חדשים פאר זיין אפשערן, און ער ווייסט שוין פינקטליך וועלכע קעיקס מ'גייט באקן און וואספארא פעקלעך ער גייט טיילן, און זאג אים פון איין מינוט אויפן צווייטן אז עס איז דא א נייע תקנה אז מען טאר נישט ברענגען קיין פעקלעך צום חאלאקע. ער וועט בשום אופן נישט מסכים זיין און פארפירן פארוואס זיינע אלע חברים האבן יא געהאט וכו' וכו'.

"די מציאות איז, אז ווען ס'קומט צו חתונה האבן, זענען די אכצן יעריגע אויך ווי דריי יעריגע קינדער לגבי די נקודה - און יעדער מענטש איז אזוי ביי זיינע שוואכע פוינטס.. ממילא, ווען דו גייסט זאגן פאר אן אכצן יעריגער בחור/מיידל אז דו גייסט האבן א ביליגע שטריימל/פאלשע בלומען וכו' וכו' גייט ער דיר קיינמאל נישט מוחל זיין, ער גייט נישט פארשטיין פארוואס זיין חבר האט זיך געקויפט א זעקס-טויזנט-דאלערדיגע שטריימל און ער דארף האבן א פופצן-הונדערט-דאלערדיגע. פארוואס די חבר'טע האט געהאט שיינע עכטע לעבעדיגע בלומען און זי מוז האבן פאלשע.

"אבער אויב זאל מען אנהייבן רעדן צו קינדער שוין אין די יונגערע יארן, וועט זיי עס צוביסלעך אריינגיין אין קאפ, און מען וועט קענען מיט די צייט אוועקשטעלן א דור וואס וועט פארשטיין די ריכטיגע וועג וויאזוי מען דארף חתונה מאכן.

"ווען מ'איז שוין אין די שידוכים יארן דארף מען שוין קאמפיטען מיט די חברים און חבר'טעס, ס'איז שוין ווי מ'זאל אוועקנעמען די פעקלעך פונעם אפשערן יונגל, ס'איז שוין נישטא צו וועמען צו רעדן, מ'דארף אריינפרעגלען אין די יונגע יארן." פירט ר' יהושע אויס.

## אבער וואס טוט מען למעשה

**די שמועס איז מיר העכסט אינטערעסאנט, אבער למעשה רעדן מיר אסאך ארום וועגן טעאריעס און זאכן וואס מ'קען פארבעסערן, מיר זענען אבער נאכנישט אנגעקומען צום עיקר נושא און ארויסהאבן וויאזוי א מחותן געבט זיך אן עצה אין די היינטיגע טעג.**

**אזעלכע וואס דער אויבערשטער האט זיי באשערט אז זיי קענען אליינס אויסצאלן די חתונה איז דאך מה טוב ומה נעים, אבער וואס טוען די אנדערע וועלכע זענען נישט אין דעם מצב און שטויסן זיך אן אין שוועריקייטן ווען עס קומט צו חתונה מאכן.**

**איך בעט ר' יהושע אז ער זאל מיר קלארשטעלן וויאזוי ער מאכט עס, וויאזוי קען ער דערהייבן אזא שווערע יאָך צו קענען שלעפן איבער א האנטפול חתונות אויף די אייגענע פלייצעס אין בלויז עטליכע יאר.**

כדרכו הייבט ער אן מיט א גוט ווארט, "די וועלט זאגט אז ווען מ'גייט נאך געלט לייגט מען די קעשענע אין איין טאש און אין די צווייטע לייגט מען אריין די בושה..."

לטובת הציבור גייט ער אריין זייער אפן און קלאר, און שילדערט איבער זיין אייגענע ערפארונג.

"ביי די פריערדיגע חתונות בין איך נישט געווען גענוג אפן מיט מיין פינאנציאלע צושטאנד, און דאס האט מיר געשטערט פון קענען בעטן הילף. אבער למעשה האב איך מיר אין די לעצטע חדשים דערזען ווי איך דריי ריזיגע געלטער און זיך דערזען אז איך גיי עס נישט קענען מאכן ווייטער.

"ס'איז אנגעקומען צו א מצב ווען איך האב געזען אז ההכרח לא יגונה - מ'וועט נישט קענען ווייטער ממשיך זיין צו דרייען נאך הונדערט אלפים חובות, דאס שלעפן די חובות ביז היינט איז שוין אזוי אויך גענוג שווער, און איך האב בשום אופן נישט געקענט שלעפן נאך.

"מיין ערשטע פלאן איז געווען זיך צו ארויסלאזן קיין ארצות הברית און געהאפט צו זען דארט גאלדענע גליקן, איך בין אהינגעפארן און געזוכט צו מאכן גרויסע געלטער אבער למעשה איז עס בכלל נישט געגאנגען אזוי ווי איך האב געפלאנט.

"אין אמעריקע איז טאקע דא גרויס געלט אבער מ'דארף זיין א גוטער פאנדרעיזער צו גוט ארויסהאבן די ארטיגע מענטאליטעט און וויסן וויאזוי און ווען צו נאכלויפן מענטשן און ס'האט זיך מיר נישט אויסגעארבעט אזוי ווי איך וואלט ווען געוואלט.

"איך בין אהיימגעקומען היפש צעבראכן און נישט געוואוסט וויאזוי מ'גייט גיין ווייטער. למעשה האב איך גערעדט אינדערהיים דערוועגן ביז ווען מ'איז איין טאג אויפגעקומען מיט א פלאן אז דא אויך אין לאנדאן קען מען אויפטרייבן געלט.

"איך האב אייביג געהאלטן אז אין לאנדאן קען מען נישט מאכן קיין געלט, כ'האב אנגעקוקט די עשירים מיט פארדאכט, אבער נאכן זיך אריינטון אין א נייער אלטערנאטיוועו פלאן האב איך

אנגעהויבן אפלערנען די נושא פון פריש און איך מוז מודה זיין על האמת אז איך האב געהאט א טעות... עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אין לאנדאן קען מען מאכן געלט!"

## די לאנדאנ'ער אידן טיילן געלט!

נאכן הערן פון אים אז אין לאנדאן קען מען אויך מאכן געלט ווילן מיר טאקע פארשטיין וויאזוי ער האט טאקע באוויזן צו שאפן אסאך געלט דא אין שטאט, אין די צייט וואס אנדערע שרייען אז מ'קען נישט. ער איז מסביר אז דאס איז געקומען נאכן פארשטיין פסיכאלאגיש דאס וואס ס'האט אים שווער געמאכט צו שאפן געלט ביז היינט און דאס האט אים געהאלפן צו קענען צוקומען צו א לעזונג.

"ווען א איד גיבט צדקה האט ער צוויי היפט זאכן אויף וואס ער קוקט - ערשטנס, דער בעל צדקה וויל נישט אז מ'זאל זיך איינגאנצן ארויפלייגן אויף אים, און צווייטנס, ער וויל שפירן אז נאך וואס ער האט געגעבן די מערסטע וואס ער קען זאל מען זיין צופרידן, ער וויל שפירן אז ער האט אויפגעטון מיט די סומע וואס ער האט געגעבן.

"מיין פלאן איז געווען ווי פאלגנד, צו שאפן טויזנט מענטשן פון וועמען צו בעטן הונדערט פונט און אזוי צו אנקומען צום ריזן סכום פון הונדערט אלפים, וויפיל עס פארלאנגט זיך צו קענען צוגיין צו די צווי חתונות.

"איך האב מיר ארויסגעלאזט מיט דער נייער פלאן און אנגעהויבן ארויסריטשן צו מענטשן פון אלע זייטן און ב"ה זאכן האבן זיך אנגעהויבן ריקן צעביסלעך.

"ס'האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין זייער סוקסעספול צוליב ביידע פון די אויבנדערמאנטע סיבות; אידן האבן געגליכן די פאקט אז איך בעט נישט קיין גרויס געלט, מענטשן האבן פארשטאנען אז אין מיין מצב ווען איך מאך חתונה שטיף קינדער איז נאך דא א גרעסערע התחייבות צו ארויסהעלפן, אבער מ'האט נישט געוואוסט אז מ'קען העלפן מיט בלויז הונדערט פונט. ווי אויך האבן די אידן געשפירט אז איך וועל זיין פריילך אפילו מיט הונדערט פונט.

"ס'איז געווען גאר אינטערעסאנט ווי פילע אידן וועמען איך האב געבעטן הונדערט פונט האבן מיר געגעבן מער און אסאך מער, ווי נאר זיי האבן געהערט אז איך האב נישט קיין גרויסע ערווארטונג האבן שוין געוויסע אידן אפילו געגעבן ביז טויזנט פונט!"

איך בעט אים אויב ער קען מיר זאגן אין צוויי זאצן וואס ער זעט אלס די עיקר נקודה אין וואס עס ליגט די שליסל צו קענען מאכן געלט דא אין שטאט.

- "עס ליגט בעיקר אין טוישן די ערווארטונג - האב נישט קיין ריזיגע ערווארטונג, נאר ליבערשט ארבעט מיט די מציאות און זוך צו בעטן קלענערע געלטער פון א גרעסערע באזע גוטע אידן און ידידים.
- "צווייטנס איז וויכטיג צו פארשליסן די נושא אויפן פלאץ און נישט צו דארפן נאכלויפן מענטשן פאר קלענערע געלטער, צו דארפן זיין פארנומען צו אפנעמען די געלטער ווערט שוין א מים שאין להם סוף.

מיין פלאן איז געווען ווי פאלגנד, צו שאפן טויזנט מענטשן פון וועמען צו בעטן הונדערט פונט און אזוי צו אנקומען צום ריזן סכום פון הונדערט אלפים, וויפיל עס פארלאנגט זיך צו קענען צוגיין צו די צוויי חתונות

**מיר באדאנקען זיך פאר ר' יהושע פארן רעדן אזוי אפן און מיר ווילן הערן צי ער האט שוין געענדיגט די מיסיע.**

"איבער 35 פראצענט איז שוין געדעקט ב"ה," פארציילט ער מיט פרייד. ער איז נאך טיף אינמיטן זיין מיסיע צו טרעפן גוטע אידן און ידידים וואס קענען זיך אנשליסן מיט הונדערט פונט צו אים צו העלפן מיט זיין מחותנ'שאפט וואס ער האט גענומען לפנים משורות הדין.

פון זיין זייט האט ער צוגעשטעלט פארשידענע מיטלען וויאזוי מ'קען איבערגעבן די געלט און אזוי צו קענען ארויסהעלפן ר' יהושע צוגיין צו די חתונות אן דארפן אונטערנעמען פרישע ריזיגע חובות למעלה מראשו.

מיר באדאנקען זיך פאר ר' יהושע פארן נעמען די קוראזש און ארויסקומען אין די עפנטליכקייט צו זיין אפן מיט זיין מצב און נישט מורא האבן פון די אמת'ע ריאליטעט פון וואס מ'קען נישט אנטלויפן, ממנו ילמדו.

ס'איז ממש אינספירירנד צו זען וויאזוי ער לייגט די בושה אין א זייט און זאמלט זיך צוזאם די קוראזש צו טון וואס איז ריכטיג, ער זאגט קלאר אז עס קומט נישט אן לייכט אבער אין די זעלבע צייט איז דרייען חובות נאך שווערער און דעריבער האט ער באשלאסן צו ארויסקומען אין די עפנטליכקייט.

ער לויפט נישט אוועק פון די ריאליטעט און פרובירט צו ארבעטן מיט די מציאות און אזוי טרייבט ער אויף געלטער צו קענען צוגיין צו ביידע חתונות מיט א רואיגקייט.

**ממנו ילמדו.**

בס"ד

קהל עדת חסידי באיאן בעיר לונדון יצ"ו

בנשיאות כ"ק מרן עט"ר אדמו"ר שליט"א

# היטיבה ה' לטובים

ברגשי תודה והכרת הטוב ובשם כל קהל עדת חסידי באיאן נשגר בזה את ברכותינו הנאמנות לקהילה נאה וחסודה המתנוססת לתפארה בעירינו לונדון

# קהילה קדושה דחסידי בעלזא

## בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר מבעלזא שליט"א

ולמע"כ ראשי ועסקני מוסדות התורה והחסד של הקהילה הלא המה

**הרב אהרן קליין שליט"א**
מנכ"ל מוסדות בעלזא

**הרב מרדכי יעקב ויינד שליט"א**
סמנכ"ל מוסדות בעלזא

**הנהלת הכוללים**

**הרב אהרן זאב אדלר הי"ו**
**הרב משה זאב ראנד הי"ו**
**הרב אברהם אהרן הלוי האפמאנן הי"ו**
גבאי בית המדרש המרכזי

**הרב פנחס מייזנער הי"ו**
**הרב יוסף וועבער הי"ו**
מנהלי המשק של בניני המוסדות

**הרב יודא רייז הי"ו**
שמש ביהמ"ד

לאות הוקרה והערכה על טוב לבם בסבר פנים יפות ובלב ונפש חפיצה להעמיד בנין בית מדרש המרכזי, האולמות והחצר עבור הקבלת פנים והחופה

**בשמחת בית צדיקים -נישואי נכד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

יתן השי"ת ותזכו ללכת מחיל אל חיל להרמת קרן התורה והחסידות בקהילתכם, ובית גדול זה יהיה בית גדול שמגדלין בו תורה ותפילה וחסידות כשאיפתו הטהורה של האי גברא רבא, מודה דרך לעדת ישורון, כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א מבעלזא, וזכות רבוה"ק יעמוד לכם להתברך בכל הברכות, ושפע רב ברוחניות ובגשמיות וכל מילי דמיטב.

המברכים מקרב הלב

**קהל עדת חסידי באיאן**

# עולם החינוך אין לאנדאן האלט מיט גייסטרייכע באזוך פון הרה"ג ר' שמעון שנעעבאלג שליט"א מחנך נפלא רבות בשנים

הרה"ג ר' שמעון שליט"א נעמט אויף פריוואט פילע עלטערן וואס זענען נהנה עצה ותושיה פון זיין לאנגיעריגע ערפארונג אינעם פעלד פון חינוך

מחנך שליט"א באזוכט ביי רבני ואדמו"רי העיר - דערונטער כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ שליט"א - וועלכע דרוקן אויס הערכה און שטיצע פאר זיינע פילע לייסטונגען לטובת החינוך

## גרויסארטיגע אסיפת חינוך וועט פארקומען דעם זונטאג פנחס אין די גרויסע 'פרדס וויזניץ' זאלן וואו טאטעס און מאמעס וועלן זיך באטייליגן צו הערן את הדרך ילכו בה

פאריגע וואך האבן מיר געהאט א כבוד אפצוהאלטן א שמועס מיט הרה"ג ר' שמעון שנעעבאלג שליט"א, אין וועלכע ער האט געשילדערט די ווייטאג פון עלטערן וואס מאכן דורך שוועריגקייטן מיט זייערע קינדער און וויאזוי אנצוקוקן די זאך.

ווי דאן פראקלאמירט געפינט זיך ר' שמעון דא אין לאנדאן פאר א קורצע באזוך, און עס איז געווען געפלאנט פארצוקומען אן אסיפת חינוך פאר עלטערן וואס זוכן צו משקיע זיין אין די חינוך פון זייערע קינדער און וועלן האבן די געלעגנהייט צו הערן פון ר' שמעון זיין סוקסעספולע דרך אין חינוך.

די אסיפה האט געזאלט פארקומען פארגאנגענעם דאנערשטאג בלק, אבער איז לעצטע מינוט אפגעשטופט געווארן אויף קומענדיגן זונטאג פנחס, און ווערט אראנזשירט דורך די 'קשר' ארגאניזאציע, וועלכע זענען שוין ברייט באקאנט מיטן ברענגען קיין לאנדאן די סאמע גרעסטע מחנכים בדורינו.

כדי צו באקומען א בעסערע בליק אויף די אסיפה, האבן מיר געכאפט א קורצע שמועס'ל מיט איינעם פון די עסקני קשר, און געהערט פון אים איבער די פלענער.

### א גוטן כבוד העסקן, איך וויל אייך נישט אויפהאלטן צו לאנג - זעענדיג ווי די גאנצע קשר שטאב איז פארנומען מיט די באזוך פון הרה"ג ר' שמעון שליט"א, אבער אויב קענט

### איר מיר אין קורצן איבערגעבן די פלענער פארן אסיפה. צום ערשט, וואס איז פשט פונעם פלוצלינגדיגן טויש, און ווי אזוי קומט 'קשר' דא אריין אין בילד?

די תשובה אויףביידע איז איינס. ווי נאר עס איז באריכטעט געווארן איבער די באזוך פונעם געוואלדיגן מחנך ר' שמעון בכלל און די אסיפת חינוך בפרט, זענען די עסקנים וואס זענען געשטאנען דערונטער - וואס זענען עסקנים ממש לשם שמים וואס האבן א ווארימע הארץ פאר די נושא - פארפלייצט געווארן מיט פילע רופן פון עלטערן פון קינדער, וואס האבן געבעטן אז מען זאל מאכן עפעס אויף א גרעסערן פארנעם, און עס זאל זיין אונטער אן עקזיסטירנדן ארגאניזאציע, וואס וועט מאכן די אידן מער באקוועם.

גלייכצייטיג האבן מיר אין 'קשר' אויך ערהאלטן פילע בקשות פון עלטערן אז אזוי ווי קשר האט זיך שוין ערווארבן די נאמען אלס די 'חינוך ארגאניזאציע' אין שטאט בה"א



הרה"צ רבי שמעון שליט"א ביי א באזוך די וואך בקודש פנימה ביי כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א

הידיעה, זאלן מיר צושטעלן אן אסיפה מיט ר' שמעון.

אזוי האבן מיר זיך צאמגעשטעלט מיט די עסקנים, ווען צו די זעלבע צייט זעט מען איין אז די געפלאנטע לאקאציע וועט ווייט נישט גענוג זיין צו אקאמאדירן די פילע עלטערן וועלכע פלאנען זיך צו באטייליגן.

דעריבער, כדי צו קענען זיך ריכטיג צוגרייטן, האט מען אפגעשטופט די אסיפה און דערביי געטוישט די לאקאציע צו א גרעסערע פלאץ.

### ווען און וואו וועט די אסיפה טאקע פארקומען?



אין א שמועס מיט רבני קשר אין די קשר אפיסעס



אין א שמועס מיט הגה"צ אב"ד סאטמאר שליט"א







די אסיפה וועט בעז"ה פארקומען דעם זונטאג פנחס אין די גרויסע 'פרדס וויזניץ' זאלן, וואו דער זאל וועט ווערן ספעציעל אויסגעשטעלט צו קענען אריינגעמען דעם עולם וואס זענען ערווארטעט, און די אסיפה וועט זיין סיי פאר טאטעס און סיי פאר מאמעס.

## פאר וועלכע סארט מענטשן איז די אסיפה געאייגנט?

די אסיפה איז געאייגנט פאר אלע עלטערן וועלכע פילן אז זיי ווילן בעסער ארויסהאבן זייערע קינדער און משקיע זיין אין זייער חינוך.

מיר לעבן היינט אין א וועלט וואו מען דארף עקסטערע שמירה אז די קינדער זאלן שטייגן בדרך המסורה און פילן א גוטן טעם אין אידישקייט. די אסיפה איז געאייגנט אז יעדער איד זאל באקומען א קלארקייט אין חינוך און וויסן אין סיי וועלכע מצב זיין קינד געפינט זיך וויאזוי צו האנדלען.

אידן האבן ב"ה מערערע קינדער און נישט יעדער איז די זעלבע, און עס איז וויכטיג צו האבן פאר יעדן זיין קלארער מהלך. ביי די אסיפה וועט מען הערן שטארקע יסודות, וואס וועט געבן די ריכטיגע כלים וואס מען זאל קענען נוצן פאר סיי וועלכן קינד אין סיי וועלכן מצב.

## צום שלוס: וואס זאגן רבני עירנו איבער די גרויסע אסיפה?

ר' שמעון שליט"א איז אין די לעצטערע טעג געווען באזוכן ביי מערערע רבנים אין שטאט, וועלכע האבן אלע אויסגעדריקט שטארקע שטיצע צום באזוך בכלל און די גרויסארטיגע אסיפה בפרט.

צווישן אנדערע איז פארגעקומען א הערליכע באזוך ביי **כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ שליט"א**, וועלכער האט זיך צווישן אנדערע אויסגעדריקט אז ער שטיצט די אסיפה און געבט זיין פולע הסכמה דערויף.

ווי אויך איז ער געווען א באזוך ביי הגה"צ **רבי משה מנחם ווייס** שליט"א אב"ד קיט"ל דסאטמאר, וועלכער האט געזאגט אז אזא אסיפה איז זייער וויכטיג און געגעבן ברכת קדשו אז די אסיפה זאל מצליח זיין.

באזונדער איז פארגעקומען אן אסיפה אינערהאלב די 'קשר' אפיסעס, מיט די באטייליגונג פון די רבני קשר, ה"ה: הרה"ג **ר' שלמה דוד קליין** שליט"א דומ"ץ מחזיקי הדת בעלזא, הרה"ג **ר' יחזקאל אינזליכט** שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד ברך משה דסאטמאר און הרה"ג **ר' יצחק יונג** שליט"א רב דביהמ"ד צאנז, וואו מען האט אויסגעשמועסט אלע דעטאלן ארום די אסיפה.

## ישר כח פאר אייער צייט, זאל דער אויבערשטער העלפן אז חפץ ה' בידכם יצליח.

אמן.

אנו מקדמים בברכה ובהתרגש



# תנו עוז ל

# ותנו כבו

כ"ד תמוז

ות עצומה את פני גדולי הדור



# אלוקים
# לתורה

30 JULY

# יארצייטן פון די קומענדיגע וואך

### שב"ק פרשת בלק - י"ד תמוז

רבי **פנחס** בן רבי **משה** (שפירא) מסלאוויטא זי"ע תרל"ב ומנו"כ בסלאוויטא

רבי **יצחק אייזיק** (ראזענבוים) מזוטשקא בן רבי **איתמר** מנדבורנא זי"ע תש"ס ומנו"כ בהה"ז

רבי **יעקב יצחק** בן רבי **יהודה לייב** (רודערמאן) מבאלטימאר זי"ע תשמ"ז ומנו"כ בבאלטימאר

### יום א' - ט"ו תמוז

רבי **חיים** בן רבי **משה** (בן עטר) [האור החיים הק'] זי"ע תק"ג ומנו"כ בהה"ז

רבי **אריה לייב** בן רבי **אשר** (גינצבורג) [שאגת אריה] זי"ע תקמ"ח ומנו"כ במעץ

רבי **אריה לייביש** בן רבי **שמחה** (האלבערשטאט) מטארניגראד זי"ע תקצ"א ומנו"כ בטארניגראד

רבי **אלעזר** (ווייסבלום) מריישא בן רבי **אלימלך** מרודניק זי"ע בעמח"ס **משנה למלך**, תר"ע ומנו"כ בסאקאלאוו

רבי **יצחק טוביה** (רובין) מצאנז בן רבי **מאיר** מגלאגוב זי"ע תרפ"ז ומנו"כ בצאנז

רבי **יעקב משה** בן רבי **אליעזר צבי** (סאפרין) מקאמארנא זי"ע תרפ"ט ומנו"כ בקאמארנא

רבי **דוד משה** בן רבי **אליעזר זאב** (ראזענבוים) מקרעטשניף זי"ע תשכ"ט ומנו"כ ברחובות

רבי **עמרם** בן רבי **יצחק שלמה** (בלוי) מירושלים זי"ע תשל"ד ומנו"כ בהה"ז

### יום ב' - ט"ז תמוז

רבי **דוד** בן רבי **ישראל** (הײלפרין) מאוסטראה זי"ע תקכ"ה ומנו"כ באוסטראה

רבי **מנשה** בן רבי **ישכר בעריש** (אייכנשטיין) מזידיטשוב ווערצקי תרצ"ה ומנו"כ בווערצקי

רבי **אברהם יהושע העשיל** בן רבי **יצחק מאיר** מקאפיטשניץ זי"ע תשכ"ז ומנו"כ בטבריה

רבי **צבי יהודה** בן רבי **ישראל אברהם** (שפירא) מבלאזוב זי"ע תשע"ה ומנו"כ בהה"ז

### יום ג' - י"ז תמוז

רבי **חיים צבי** בן רבי **דוד יהודה** (מאנהיימער) אבד"ק אונגוואר בעמח"ס 'עין הבדולח', תרמ"ו ומנו"כ באונגוואר

רבי **מרדכי יהודה לייב** בן רבי **נפתלי הירץ** (ווינקלער) ממאד זי"ע תרצ"ב ומנו"כ במאד

רבי **אברהם פנחס** בן רבי **יעקב יוסף** (ספרד) מקינעוו זי"ע תש"י ומנו"כ בניו יארק

רבי **יעקב יוסף** בן רבי **יצחק אייזיק** (הערמאן) מניו יארק זי"ע תשכ"ז ומנו"כ בהה"ז

**קדושי אויבערלאנד פאפא**, **סאמבאטהעלי** וכ' הי"ד הגיעו לאוישוויץ בי"ז תמוז

### יום ד' - י"ח תמוז

רבי **משה דוד** בן רבי **אשר אנשיל** (אשכנזי) מטאלטשאווא זי"ע תרט"ז ומנו"כ בצפת

רבי **יעקב אריה** בן רבי **שלמה** מראדזימין זי"ע תרל"ד ומנו"כ בווארשא

רבי **אברהם יהושע העשיל** (טווערסקי) בן רבי **מרדכי** מלויעוו זיע"א תרע"ד ומנו"כ בקארטשעוו

רבי **חיים מאיר יחיאל** בן רבי **דוב בעריש** (שפירא) מנאראל זי"ע תשס"ז

### יום ה' - י"ט תמוז

רבי **אהרן שמואל** בן רבי **ישראל**, 'ברכת הזבח', תל"ו ומנו"כ בחאמעלניק

רבי **יהושע** בן רבי **יוסף** (פרישערמאן) מטאמאשאוו זי"ע תרס"ו ומנו"כ בטאמאשאוו

רבי **אלעזר** בן רבי **שמחה** (שפירא) מלאנצהוט זי"ע תרצ"ח ומנו"כ בלאנצהוט

רבי **אליעזר יהודה** בן רבי **נתן צבי** (פינקל) ממיר ירושלים זי"ע תשכ"ה ומנו"כ בהה"מ

רבי **אלימלך הכהן** מספינקא ב"ב בן רבי **נחמן**, תשס"ב ומנו"כ בהה"מ

### ער"ש - כ' תמוז

רבי **יחיאל** (רובין) מקולבוסוב בן רבי **אשר ישעיה** מרופשיץ זי"ע תר"כ ומנו"כ בקולבוסוב

רבי **בצלאל ישעיה** בן רבי **בנימין יהודה ליב** (בערנשטיין) מירושלים זי"ע תרע"א ומנו"כ בהה"ז

רבי **נח** בן רבי **אהרן** מלעכאוויטש זי"ע תרכ"ב ומנו"כ בלעכאוויטש

רבי **משה יהודה** לייב (טווערסקי) בן רבי **מנחם נחום** מטריסק בריסק זי"ע תרצ"ז ומנו"כ בקילץ

רבי **יעקב יצחק** בן רבי **אברהם אבא הלוי** (הורוויץ) מריגליץ זי"ע תש"א ומנו"כ בהה"ז

רבי **אברהם חיים** בן רבי **מנחם מענדל** (נאה) מחברון ירושלים זי"ע תשי"ד ומנו"כ בהה"מ

רבי **הלל** בן רבי **ברוך בענדיט** (ליכטענשטיין) מקראסנא זי"ע תשל"ט ומנו"כ בלאנג איילענד

רבי **בצלאל** בן רבי **יו"ט ליפמאן** (ראקאוו) מגייטסהעד זי"ע תשס"ג ומנו"כ בהר המנוחות

רבי **אליעזר** בן רבי **ברוך** (האגער) מסערעט וויזניץ זי"ע תשע"ה ומנו"כ בב"ב

### שב"ק פרשת פנחס - כ"א תמוז

רבי **אליהו** ב"ר **משה** (לואנץ) זי"ע, הבעל שם מווירמייזא, בעמח"ס מכלול יופי ועוד, שצ"ו, ומנו"כ בווירמייזא

רבי **צבי הירש** בן רבי **דוד** (מרבינו) מקאמינקא זי"ע תקכ"ט ומנו"כ בקאמינקא

רבי **נחמיה** בן רבי **אהרן** (פערלאוו) מקוידינוב באראנאוויטש זי"ע תרפ"ז ומנו"כ בווארשא

רבי **אברהם מתתיהו** בן רבי **מנחם נחום** (פריעדמאן) משטעפינעשט זי"ע תרצ"ג ומנו"כ בנחלת יצחק

רבי **אברהם** בן רבי **צבי** (הלברשטאם) מרודניק זי"ע הי"ד תש"ד

רבי **לוי יצחק** בן רבי **יחיאל** (לייפער) מנאדבורנא אראד זי"ע תשכ"א ומנו"כ בה"ה

רבי **אלעזר** (טווערסקי) מפאלטישאן בן רבי **שלמה** מסקווירא זי"ע תשל"ו ומנו"כ בניו דזשערסי

רבי **נתן יוסף** בן רבי **שלמה** (מייזעלס) זי"ע אבד"ק אבני שלמה מאנסי, מלפנים אב"ד קיט"ל בעירינו, תשס"ו, ומנו"כ בק"י ■

## ותימרון חידושא

י. ק. קענווי איילענד

# המשך פון זייט 20 הלכות שלוחי ציבור (ג')

**[טז] תשובה: פשוט אז יא!**

ולא הוצרכנו לכתוב זאת רק מפני שלפעמים מחמת טירחא דציבורא יש ממהרים ולא מקיימים הכריעות כהוגן, אבל אין זה נכון. ועיין תשובות והנהגות (ח"ג סימן מ'): "ומו"ר הגר"מ שניידער זצ"ל דקדק מאוד בישיבה שכל בחור שניגש להיות ש"ץ שידע היטיב הלכות כריעות, היינו שילמוד ההלכות היטיב ויכרע וישתחוה כל הכריעות והשתחויות כדין בשיעור ובזמן שצריך, דסבי"ל דאם השליח ציבור אינו מדקדק בכל כדין אזי חסר בעצם תפלת הש"ץ שאינו כהלכתה... ועל כן הקפיד דכל ש"ץ ילמד וידע היאך ואיפוא הצורה של הכריעות", ועכ"פ הדבר פשוט דיש חיוב לכרוע עם כל הדינים כהלכתן כמבואר בסימן קי"ג.

**[יז] תשובה: בפשטות נישט.**

עיין שועה"ר ומ"ב ריש סימן ק"א דמי שיודע שלא יוכל לכוין באבות, לא יתפלל שמו"ע כלל. והנה כל מה שאנו צריכים למשכוני נפשין לענין תפלת ההמון שיהא בגדר תפלה, זה הכל רק משום ההכרח, אבל לשמש כשליח ציבור באופן שיודע בוודאי שלא יכוין באבות, צ"ע להקל. והגם שבביה"ל שם ד"ה יכוין יש לו צד דשליח ציבור שאני, מ"מ מסיק דזה אינו יעו"ש. ואדרבה עיין בפרי מגדים א"א סו"ס קכ"ד שכותב "יראה לקבל שליח ציבור חסיד ביותר טוב, ואפשר יכוין, ואנו אין מכוונין כבסימן ק"א ס"א בהג"ה, ויוציא לנו דהוה כאין בקיאין ומוציא השליח ציבור והבן", והיינו דיש לקבל דוקא שליח ציבור המכוין, ועי"ז אלו שלא כיוונו בתפלת הלחש יוכלו לצאת ממנו ודו"ק.

**[יח] תשובה: אין שו"ע (סימן קכ"ד ס"ד) שטייט אז אויב עס איז נישטא קיין "תשעה מכוונים לברכותיו" איז עס קרוב להיות ח"ו לבטלה.**

ומקובל להחמיר כשיטה זו לענין חזרת הש"ץ (כמבואר בשועה"ר סימן נ"ה ס"ז ועוד אחרונים), ברם דעת המג"א (סימן נ"ה סק"ח), דעכ"פ ח' שגמרו שמו"ע סגי ואז יכולים לצרף עוד מי שמתפלל. ויש שהקילו בשעה"ד אפילו בששה בצירוף עוד שלשה שמתפללים (עפ"י דברי הפרישה בסימן קכ"ד סק"א ועוד אחרונים [עיין דה"ח דיני קדיש בעשרה ס"ז, ודעת תורה סימן נ"ה] דהעיקר קיי"ל לדינא כשו"ע סימן נ"ה, ודלא כשו"ע סימן קכ"ד), ובמקום הדחק יש להתנהג כפי המצב. ודע, דיש שאין יודעים פירוש המילות ל"מכוונים לברכותיו" ודו"ק [וכל מי שצריך חיזוק לחזרת הש"ץ יסע לעיר אנטווערפן, שם יש ביהמ"ד פשעווארסק, ובכותל מזרחית דרומית עומד שם צדיק לאויט"א ושומע לכל מלה של השליח ציבור בפשיטות ובתמימות, בלא שום אמתלאות ותירוצים!]. ודע, דמעיקר הדין יכולים לצרף לתשעה עונים מי שמתפלל עם השליח ציבור מלה במלה (הליכות שלמה תפלה פ"ט אות ב').

**[יט] תשובה: לויט אסאך פוסקים איז גענוג זעקס [מיט דעם בעל תפלה] (עיין שועה"ד שם). זע אויך תשובה כ'.**

מיהו יש מקום להחמיר לאלו הפוסקים שלא חילקו בין קדיש לשמו"ע (טו"ז סימן נ"ה ועוד), וסוברים דדינא דשו"ע סימן קכ"ד ס"ד דבעי' ט' עונים קאי גם לקדיש עכ"פ לכתחלה. וכן יש מקום להחמיר לדעת הסוברים דגם לפי מה שמבואר בשו"ע סימן נ"ה ס"ה דיכולים לצרף מתפלל, זה דוקא באחד, אבל לא בג' יעו"ש במ"ב סקל"ב, ולשיטה זו בעינן עכ"פ ט' ביחד עם הבעל תפלה.

**[כ] תשובה: ביי א נארמאלע מנין נישט!**

ועוד יותר מבואר בפוסקים (סימן קכ"ד מ"ב סקי"ג, ועיין סימן נ"ה ס"ו) דגם אם רוב הקהל – שמתפללים במרוצה – גמרו, והמתפללים מלה במלה עדיין לא גמרו, יש להמתין עליהם. ולכן נהגו להמתין על האב"ד שמתפלל בדרך כלל מלה במלה. ואם אין אב"ד יש להמתין על המתפלל מלה במלה [ומה שכתבנו דכן יש לנהוג ב"נארמאלע מנין" הוא משום דבמנינים שרבו המאחרים לבא פשוט שאין חיוב להמתין עליהם, והרבה פעמים קשה להבחין מי המתפלל מלה במלה ומי המאחר, ועכ"פ ב'מוסף שבת' שאז הציבור מתחילים ביחד, אז וודאי נוגע הדין שיש להמתין על המתפללים מלה במלה].

## לעטר פתורא

### די קדושה פון א איד ליגט אין די שמירת עינים

**כסה את עין הארץ.**

דער עיקר קדושה פון א איד ליגט אין זיינע אויגן, ווייל מיט הייליגע אויגן שטייגט דער איד גאר הויעך אין קדושה.

קען זיין אז דאס האט בלק געזען, ער האט געזאגט זעענדיג כלל ישראל אז זיי האבן א גרויסער כח ווייל זיי זענען מכסה די עין הארץ אבער ביי בלעם וואס איז געווען דער מקור הטומאה, שטייט נופל וגלוי עינים אז זיינע אויגן זענען געווען אויפגעדעקט, ווייל ער איז געווען דער היפך פון שמירת עינים און דאס האט אים אראפגעשלעפט אין שאול תחתית.

[תפארת שלמה]



# א ליכטיגקייט

## וואס שיינט ביזן היינטיגן טאג

צום יארצייט פונעם **הייליגן אור החיים הקדוש**
דעם זונטאג ט"ו תמוז ברענגען מיר אייך אן ארייינבליק
אינעם לעבן פון דער אדם הגדול בענקים וועמענ'ס
ספרים באלייכטן גאנץ כלל ישראל אין אלע דורות

# בקי אין נגלה און אין נסתר

הרה"ק רבי חיים בן עטר, ב"ר משה זי"ע, דער הייליגער אור החיים הקדוש, איז געבוירן אין שטאט סאלו אין מאראקא, אין יאר ה' אלפים תנ"ו, צו זיין טאטע החכם הרה"ק רבי משה זי"ע, בן הגה"ק רבי חיים בן עטר זי"ע מגדולי ספרד (ווי באקאנט איז בן עטר נישט זיין טאטע'ס נאמען, נאר א משפחה-נאמען).

ער איז געווען אן איש קדוש, בקי בש"ס ופוסקים, און א בקי בנגלה ונסתר, ווי מען זעט אין זיין הייליגע פירוש אור החיים. אויך איז ער געווען א פועל ישועות און א בעל מופת.

ער האט אסאך פון זיין תורה געלערנט ביי זיין זיידן הגה"ק רבי חיים בן עטר זי"ע, און ווי דער אור החיים הקדוש זי"ע אליינס שרייבט אין די הקדמה אויפן ספר חפץ ה' בזה"ל, "וישבתי ללמוד תורה מפי מורי ורבי הרב המפורסם אדוני זקני מורי אשר נודע בשערים שמו, המופלג החסיד העניו כמוהרו"ר חיים בן עטר זלה"ה, אשר מימיו שתיתי באר מים חיים, ובין ברכיו גדלתי, ובחיקו ישבתי מיום היותי, לשאוב מדבריו הטובים."

# תורה פונעם באשעפער אליין

ער האט גאנץ אין אנפאנג עוסק געווען אין מסחר פאר פרנסה, אבער שפעטער האט ער פארלוירן זיין פרנסה און געלעבט אין דחקות, און דאן האט ער אנגעהויבן מחבר זיין דעם ספר אור החיים הקדוש.

דער אור החיים האט געהאט א התקשרות און שייכות מיט די בני משה וואס זענען געווען אויפן אנדערן זייט סמבטיון, דורך זיך שרייבן בריוו כסדר.

א השגה אין זיין גרויס קדושה זעט מען פון דאס וואס הרה"ק רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע שרייבט אין זיין ספר נתיב מצותיך, אויף דעם אור החיים הקדוש זי"ע בזה"ל, "שמע בכל לילה תורה מפי הקב"ה, וגודל קדושתו אי אפשר לכתוב" - אין אידיש: ער האט געהערט יעדע נאכט תורה פונעם באשעפער אליין, און די גרויסקייט פון זיין קדושה קען מען נישט שרייבן.

אויך זעט מען אין שו"ת דברי חיים פונעם הייליגן צאנזער רב זי"ע, וואס איז מסופק אין די כשרות פון א שוחט וואס האט געזאגט אז די חיבור פונעם אור החיים הקדוש זי"ע איז נישט נתחבר געווארן מיט רוח הקודש!

# לולא תורתך שעשועי

ווען עס איז געקומען די ריכטיגע צייט, האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הנגיד רבי משה בן שם טוב בן עטר זי"ע, און דארט איז דער אור החיים הקדוש זי"ע געזעסן על התורה ועל העבודה.

אבער לימים האט מען אויפן שווער ארויפגעלייגט א שווערע עלילה, וואס צוליב דעם האט דער אור החיים געברויכט אנטלויפן פון שטאט, און דאן האט דער אור החיים הק' געלעבט אין א שרעקליכע דחקות, אבער דאס האט נישט צוריק געהאלטן דעם קדוש פון לערנען ווייטער און עוסק זיין בתורה און עבודה און אויך גאר שטארק געוואקסן בתורת הנסתר.

דאן האט ער צוגעענדיגט דעם אור החיים הקדוש, וואס איז מקובל געווארן אין די גאנצע וועלט, און באלייכט די אויגן פון אידישע קינדער עד היום הזה.

גאר א לאנגע צייט האט דער אור החיים הקדוש אזוי ארום געוואנדערט און געווען נא ונד, פון איטאליע און אויך אין אנדערע מדינות ארום, און וואו דער צדיק איז אנגעקומען האט מען אים שטארק מכבד געווען.

# צוויי ישיבות אין ארץ ישראל

אין יאר תק"ב האט ער אנגעהויבן מאכן די וועג ארויף קיין ארץ ישראל, און אויפן וועג איז ער אריבער אייראפע, און דארט האט ער משלים געווען זיין חיבור פון אור החיים הקדוש, דורך די שטיצע פון 4 עשירים, וואס דער אור החיים הקדוש דערמאנט זיי אלע לשבח אינעם הקדמה צום ספר אור החיים.

ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל און קובע געווען זיין וואוינונג אין ירושלים עיה"ק. דארט האט ער געגרינדעט צוויי ישיבות, איינס איז געווען א ישיבה וואו מען האט עוסק געווען יומם ולילה אין תורת הנגלה, און אין דעם אנדערן ישיבה האט מען געלערנט תורת הנסתר.

און ווי זיין הייליגער תלמיד דער חיד"א זי"ע האט מעיד געווען בזה"ל, "שכל רואי פניו חשבוהו למלאך ה' צבקות, שהשכינה חופפת עליו כל היום"

- יעדער וואס האט געזען זיין פנים האט אים פאררעכנט אלס א מלאך ה' צבקות, וואס די שכינה רוט אויף אים די גאנצע טאג.

אויך האט ער דארט אין ישיבה געדרוקט דעם הייליגן ספר ראשית לציון, אויף אסאך מסכתות הש"ס, און דארט האט ער געשריבן זאכן אויף הלכה למעשה, און ווי זיין תלמיד שרייבט אויף זיין רבי בזה"ל, "כי כל ספריו הוא אחד מעשרה מחכמתו, וחריפתו הפלא ופלא".

## 'בעל שם' אדער 'בעל שם טוב הקדוש'?

ווי עס איז באקאנט האט דער בעש"ט הקדוש זי"ע גאר שטארק געוואלט קומען קיין ארץ ישראל זיך צו טרעפן מיטן אור החיים הקדוש זי"ע, און געזאגט אז ער - דער בעש"ט - איז די נפש פון דוד המלך ע"ה, און דער אור החיים הקדוש איז די רוח פון דוד המלך ע"ה, און צוזאמען קענען זיי ברענגען משיח בן דוד.

אבער ליידער האט מען פון הימל אנדערש געוואלט, עס איז נאכגעשט געווען די צייט פון די גאולה און דער בעש"ט האט געהאט אסאך שוועריגקייטן און נישט געמאכט דעם וועג קיין ארץ ישראל, און די צוויי צדיקים זענען קיינמאל נישט אנגעקומען זיך צו טרעפן.

אויך איז באקאנט אז דער שוואגער פונעם בעש"ט, רבי גרשון מקיטוב זי"ע, איז ארויף געקומען קיין ארץ ישראל, און ער האט דאן געברענגט א פריסת שלום פונעם בעש"ט צום אור החיים הקדוש.

ווען ער האט געזאגט פארן אור החיים אז ער האט א פריסת שלום פונעם "בעל שם", האט דער אור החיים געזאגט אז ער ווייסט נישט פון וועם ער רעדט. דאן האט ער געזאגט אז עס איז פונעם "בעל שם טוב הקדוש" דאן האט דער אור החיים געזאגט אז ער קען אים טאקע.

## גראד אינעם לייבן-שטייג

בשעת ווען דער אור החיים הקדוש זי"ע האט געוואוינט אין שטאט סאלי, האט ער - ווי




**שער בלאט פונעם הייליגן ספר אור החיים הק' - ווענעציע שנת תק"ב**

געזאגט - געארבעט פאר פרנסה, ער האט זיך באשעפטיגט מיטן זיין א שניידער, און ער איז געווען באוואוסט אינעם שטאט אלס א גאר גוטער שניידער.

איינמאל האט דער סולטאן פון סאלי געברויכט אויפנייען א שיינע קלייד פאר די חתונה פון זיין טאכטער, און הערנדיג אז רבי חיים איז אן אויסגעצייכנטער שניידער, האט ער באשלאסן אים צו געבן די ארבעט פון אויפנייען דעם קלייד, און פארלאנגט אז דאס זאל זיין גרייט אין א וואך. ער האט ארויסגעשיקט זיינע באדינער צום אור החיים הק' אים צו געבן די ארבעט.

דער אור החיים הקדוש, אפילו ער האט זיך טאקע מפרנס געווען דורך שניידעריי און נהנה געווען מיגיע כפו, האט ער אבער געהאט א כלל, אז ווי נאר ער האט שוין געהאט פארדינט פאר די וואך, האט ער זיך צוריקגעקערט צום לערנען. און ווען די שלוחים פונעם סולטאן האבן צו אים געברענגט די קליידער, האט דער אור החיים זיי אפגעזאגט און נישט געוואלט נעמען די ארבעט, וויבאלד ער האט שוין געהאט פרנסה פאר די וואך.

די שלוחים האבן אים געווארנט אז עובר זיין אויף א באפעל פונעם סולטאן קען אים קאסטן טויט שטראף! אבער דער אור החיים





**דער ציון פונעם אור החיים הק' - הר הזיתים**

הקדוש האט זיך נישט דערשראקן און זיך געהאלטן ביי זיינ'ס.

דער סולטאן איז זייער איפגעברויזט געווארן פון דעם איד'ס חוצפה פון אפזאגן זיין באפעל, און ער האט געהייסן פאר די באדינערס אז זיי זאלן אויסהונגערן די לייבן וואס ער האט געהאט ביי זיך אין גרוב, און דאן זאלן זיי אריינווארפן דעם אור החיים הק' אינעם גרוב.

די שלוחים האבן אויסגעפירט דעם באפעל פונעם סולטאן, זיי האבן אויסגעהונגערט די לייבן פאר עטליכע טעג, און דאן געגאנגען ברענגען דעם אור החיים, אים צו אריינווארפן גראד אינעם לייבן-שטייג.

אויפן וועג האט מען שוין געהערט די ברימען פון די הונגעריגע לייבן ווי זיי ווארטן שוין אויף זייער קרבן. אבער ווי נאר מען האט דעם צדיק אריינגעווארפן אינעם גרוב האבן די לייבן אים מקבל פנים געווען מיט גרויס ערהע, און דעם צדיק ארומגענומען מיט גרויס הכנעה. דער צדיק האט זיך אראפגעזעצט נעבן זיי און געזאגט תהלים.

ווען דער סולטאן האט דאס געהערט, איז ער פערזענליך אראפגעקומען זען דעם וואונדערליכן מראה מיט די אייגענע אויגן, און דאס זעענדיג האט ער פארשטאנען מיט וועם ער האט זיך דא אנגעהויבן. דאן איז דער סולטאן געפאלן צו די פיס פונעם אור החיים הקדוש און געבעטן מחילה אז ער האט פוגע געווען אין דעם כבוד פון אזא הייליגן מאן. ער האט באפוילן שוין צו באפרייען דעם אור החיים און אים באשאנקען מיט חשוב'ע מתנות, און אזוי זענען אלע איבערצייגט געווארן אין די גרויסקייט פונעם אור החיים הקדוש זי"ע.

## שקיעה חמה שלא בעונתה

ליידער האט דער אור החיים הקדוש נישט מאריך ימים געווען דארט אין ארץ ישראל, און בערך א יאר נאך וואס ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל איז ער נסתלק געווארן זייענדיג נאך 47 יאר אלט.

ער האט ליידער נישט איבערגעלאזט קיין זש"ק, אבער ער האט איבערגעלאזט זיינע הייליגע חיבורים; ספר חפץ ה', חידושים על מסכתות הש"ס, ספר פרי תואר, ספר הלכה על שולחן ערוך, ספר אור החיים הקדוש על התורה, וואס איז געדריקט געווארן אין אסאך חמשים און ווערט געלערנט אין די גאנצע וועלט, ספר ראשון לציון, חידושים על סוגיות.

ער איז נסתלק געווארן לגנזי מרומים מוצאי שבת קודש ט"ו תמוז תק"ג, ומנוחתו כבוד איז אויפן הר הזיתים אין ירושלים, סמוך ונראה צום הייליגן פרי חדש זי"ע.

ווי באקאנט האבן די אראבערס געוואלט חרוב מאכן דעם מקום קדוש יארן צוריק, און עס האבן גאר אסאך פון זיי גע'פגר'ט בשעתן גראבן, ביז זיי האבן אויפגעגעבן און די הייליגע ציון איז געבליבן אומגערירט.

## איך בין דארט געווען!

עס איז באקאנט אז ווען דער אור החיים הקדוש איז נסתלק געווארן מוצש"ק ט"ו תמוז, האט דער בעש"ט הקדוש געהאלטן ביי שלש סעודות אין שטאט מעזיבוז, און נאכן ברכת המוציא האט דער בעש"ט הקדוש זיך אנגערופן: 'כבה נר מערבי', און אז דער אור החיים הקדוש זי"ע איז יעצט נסתלק געווארן.

ווען מען האט געפרעגט דעם בעש"ט הקדוש פון וואו ער ווייסט דאס, האט ער געזאגט, עס איז פאראן א כוונה ביי נטילת ידים לסעודה, וואס דאס איז מען מגלה נאר לחד בדרא - פאר איין מענטש אין יעדן דור, און דאס האט נאך דער אור החיים הקדוש זי"ע געוואוסט ביז יעצט, און יעצט ביי שלש סעודות האט מען אנטפלעקט דעם כוונה פאר מיר, דערפאר האב איך געוואוסט אז דער אור החיים הקדוש איז נסתלק געווארן.

ווען דער אור החיים הקדוש זי"ע איז נסתלק געווארן אין ארץ ישראל, האט דער הייליגער בעש"ט געריסן קריעה אין מעזיבוז אויף זיין ידיד נפשו. ווען דער הייליגער נודע ביהודה האט דאס געהערט האט ער געזאגט פארן בעש"ט

הקדוש אז לויט די הלכה טאר מען נישט רייסן קיין קריעה נאר אויב מען איז אין שטאט וואו עס איז געווען יציאת נשמה. האט דער הייליגער בעש"ט געזאגט: "וואס זאל איך טון אז איך בין דארט געווען בשעת די פטירה."

## אותיות פורחות באוויר

הרה"ק מסטראפקוב זי"ע האט דערציילט אז ווען הרה"ק משינאווא זי"ע איז צוריק געקומען פון ארץ ישראל אין יאר תרל"א, האט ער דערציילט אז די ווייב פונעם אור החיים הקדוש זי"ע איז דאך געווען א שומר יבום, נאכדעם וואס דער אור החיים איז נסתלק געווארן און נישט איבער געלאזט קיין קינדער. האט זי געהאט געפרעגט פונעם אור החיים פון וואו זי וועט האבן פרנסה.

האט דער אור החיים הקדוש געזאגט אז ער וועט איבערלאזן זיינע הייליגע תפילין, און מען זאל מפרסם זיין אז ווער עס וויל האבן די זכי' צו לייגן די הייליגע תפילין קען דאס לייגן פאר אן אפצאל, און פון דעם וועט זי האבן פרנסה. אבער בתנאי אז ווער עס לייגט די תפילין זאל ח"ו נישט רעדן קיין דברי חול און זייער נזהר זיין אין די קדושה פון די תפילין, ווייל אויב מען וועט יא רעדן מיט די תפילין וועט דאס פארלירן די קדושה.

די אלמנה האט דאס טאקע געטון און אסאך ערליכע אידן זענען געקומען זיך משתמש זיין מיט די תפילין און די אלמנה האט דערפון געהאט שיין פרנסה. די אלמנה האט גאר שטארק אפגעהיטן אויף די בקשה וואס איר הייליגער מאן האט געבעטן און אפגעהיטן אז קיינער זאל נישט רעדן מיט די תפילין.

איינמאל איז א גרויסער סוחר געקומען און געדאוונט מיט די הייליגע תפילין. אינמיטן איז געקומען א צווייטער גרויסער סוחר און ער האט זייער געוואלט רעדן צו דעם ערשטן סוחר, וואס האט יעצט געהאט אויף זיך די הייליגע תפילין. די אלמנה האט בשום אופן נישט צוגעלאזט רעדן צו דעם סוחר בשעת ער איז אנגעטון מיט די תפילין, אבער דער אנדערער סוחר האט זיך ארייגעכאפט און גערעדט צום סוחר בשעת ער האט אנגעהאט די תפילין און דער סוחר האט גערעדט א דבר חולין מיט די תפילין. גלייך נאכדעם האט מען בודק געווען די תפילין און לפלא האט מען געזען אז די אלע אותיות פון די תפילין זענען אוועק!

## די גרויסקייט פונעם הייליגן ספר אור החיים הקדוש

דער בעש"ט הקדוש האט מגלה געווען פאר די תלמידים די פירוש פון דעם אור החיים הקדוש, און געזאגט פאר די תלמידים אז דער חיבור איז מטהר די וועלט! און מען זאל דאס לערנען יעדן ערב שבת קודש און דאס איז מסוגל צו מטהר זיין די לופט, אויך האט דער בעש"ט הקדוש געזאגט אז ער טרעפט זיך מיטן אור החיים הקדוש אויבן אין היכל העליון.

הרה"ק דער חוזה פון לובלין זי"ע האט געזאגט, אז ער האט אין קיין שום ספר נישט געפינען אזעלכע וואונדערליכע זאכן ווי אין דעם זוהר הקדוש, דעם אור החיים הקדוש, און דעם ספר מאור עינים.

הרה"ק דער ערבי נחל זי"ע שרייבט, אז די רייד פון דעם אור החיים הקדוש קען מען נישט באגרייפן נאר מיט רוח הקודש. נאר זיינע אנהויב ווערטער זענען אביסל פארשטענדליך פאר דעם וואס טראכט אריין אין זיי.

הרה"ק רבי איציקל מסקווירא זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדרוקט, "ווי אזוי קען מען זוכה זיין צום אור החיים, אז מען לערנט נישט דעם אור החיים הקדוש".

הרה"ק רבי משה מסלאוויטא זי"ע, זון פון הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע, האט זיך אנגערופן פאר זיין הסתלקות, "מיט וואס וועלן מיר ארויפקומען אויפן עולם האמת? נאר מיר דערמאנען זיך אז מיר האבן ב"ה זוכה געווען צו דרוקן עטליכע מאל דעם הייליגן אור החיים הקדוש על התורה." דאן האט זיך דער הייליגער צדיק פון סלאוויטא בארואיגט, און געזאגט: "איין האר פון די הייליגע בארד פונעם אור החיים הקדוש, קען אויף אונז מגין זיין."

הרה"ק מקאריץ זי"ע האט געזאגט אז די לימוד אור החיים הקדוש איז מסוגל "לרומם את נשמת אדם" - צו דערהייבן די נשמה









אידן רייסן אין ביים ציון הק' ביים יארצייט

פון א מענטש. און צדיקים האבן געזאגט אז אזוי ווי לימוד זוה"ק איז מסוגל צו מטהר זיין די נפש, אזוי איז אויך די לימוד אין אור החיים הקדוש.

דער הייליגער רוזשינער זי"ע האט געזאגט, אז אזוי ווי בדורות הראשונים איז די לימוד הזוהר הקדוש געווען א סגולה לטהרת הנשמה, די זעלבע איז בדורות האחרונים א סגולה לטהרת הנשמה צו לערנען דעם ספר אור החיים הקדוש.

אינעם ספר "קימו וקיבלו" פון אן אייניקל פונעם דברי חיים זי"ע ברענגט ער אראפ בשם דעם זיידן, אז ווער עס לערנט דעם פירוש פון אור החיים הקדוש אויף די פרשיות פון אחרי מות און קדושים, איז ער מובטח אז ער וועט נישט נפטר ווערן פון די וועלט אן קיין תשובה!

הגה"ק רבי חיים פאלאג'י זי"ע שרייבט בשם דעם הייליגן חיד"א זי"ע, אז בשעת די צרות אין פוילן איז דער אלשיך הקדוש זי"ע געקומען אין חלום צו איינעם און געזאגט אז לערנען דעם הייליגן חיבור האלשיך איז א סגולה צו ניצול ווערן פון צרות. און רבי חיים פאלאג'י זי"ע האט מוסיף געווען אז דאס זעלבע איז אויך מיטן לערנען דעם פירוש פונעם אור החיים הקדוש, וואס איז אויך א סגולה צו ניצל ווערן פון צרות ח"ו.

הרה"ק רבי משה האפשטיין מוווישנאוויץ זי"ע שרייבט אז לערנען דעם ספר אור החיים הקדוש איז מסוגל פאר פרנסה ברווח און אריכות ימים.

הרה"ק רבי יוחנן פון קארלין זי"ע האט געזאגט אז לערנען דעם ספר אור החיים איז א סגולה פאר אמונה אינעם באשעפער.

הרה"ק רבי יוסף מאיר, בעל אמרי יוסף מספינקא זי"ע, שרייבט אז לערנען דעם ספר אור החיים הקדוש איז מסוגל פאר זש"ק, וויבאלד דער צדיק האט דאך נישט זוכה געווען צו קיין קינדער, האט ער באהאלטן אין זיין ספר דעם כח ההולדה, און אסאך אידן זענען שוין געהאלפן געווארן מיט האבן קינדער.

## דריי צדיקים ביים ציון הק'

אין יאר תש"ד, אינמיטן די צווייטע וועלט מלחמה, זענען די נאציס ימ"ש ווי באוואוסט שוין געווען ביי מצרים, און מען האט זייער מורא געהאט אז זיי וועלן אנקומען קיין א"י.

זענען דאן דריי צדיקים ארויסגעגאנגען צום הר הזיתים, צום קבר פונעם אור החיים הקדוש זי"ע צו איינרייסן פאר תושבי ארץ ישראל. דאס זענען געווען די דריי צדיקים הרה"ק ר' שלמ'קע מזוועהיל זי"ע, הרה"ק בעל שומרי אמונים זי"ע און הרה"ק ר' ישראל מהוסיאטין זי"ע, און זיי האבן מעורר רחמים געווען אויפן מצב.

ווען מען איז צוריק געקומען האט הרה"ק מהוסיאטין זי"ע געזאגט, אז ער איז מובטח אז דער רשע וועט נישט אנקומען קיין ארץ ישראל. ווען מען האט אים געפרעגט פון וואו ער איז אזוי מובטח האט ער געזאגט אז בשעת זיי האבן דארט מתפלל געווען האט ער געזען דעם שם ה-ו-י-ה לייכטן אויפן קבר פונעם אור החיים הקדוש זי"ע, און דערמיט איז ער פארזיכערט אז די מצב וועט גוט זיין. וכך הוה, די ימ"ש'ניקעס זענען קיינמאל קיין ארץ ישראל נישט אנגעקומען.

**זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**



# קיינמאל. נישט. אויפגעבן.

## דער טיפער באדייט פון די דריי ווערטער

**א העכסט-רירנדע דראמאטישע געשיכטע וואס האט זיך נארוואס אפגעשפילט אינערהאלב די מארס אפיסעס | כל זמן שהנר דולק אפשר לתקן**

שלמה יאקאבאוויטש

גענוי ווי אלע אנדערע תושבי עירנו, האבן מיר אויך געליינט די קאמפיין-צעטלעך פון מארס, וואו זיי פראקלאמירן מיט א שטארקייט אז מארס טוט 'קיינמאל נישט אויפגעבן'. מיר האבן עס געזען און געבליבן טראכטן אויב איז דאס נאך א געלונגענע קאמפיין-סלאגאן וואס א געניטער מארקעטער האט אהערגעשטעלט אדער מיינט דאס עפעס מער.

מיר האבן אלזא באשלאסן זיך צו דערגרונטעווען אביסל טיפער און ארויסהאבן וואס אזוינס די ווערטער באדייטן. מיר האבן זיך פארבינדן צו איינער פון די הויכראנגיגע מארס איינגעשטעלטע און געבעטן אויב ער קען אונז פארשטיין געבן וואס מיינט דאס אז מען געבט נישט אויף.

אנשטאט אן ענטפער האט ער אונז געזאגט אז ער וועט אונז פארציילן א געשיכטעלע – פארשטייט זיך נעמען און מינדערוויכטיגע פרטים געטוישט – וואס האט זיך ממש לעצטנס אפגעשפילט, און דערנאך זאל איך אליינס באשליסן צי די ווערטער זענען א בלויזע סלאגאן אדער באדייט דאס עפעס מער.

נאכן הערן די מעשה האב איך געוואוסט אז יא, מארס געבט קיינמאל נישט אויף!!

זיי טוען 'קיינמאל נישט אויפגעבן' – אפילו ווען אלע דאקטוירים און טעסטס ווייזן אז אלעס איז בסדר, נאר זיי ווילן נאכזוכן ווייטער.

זיי טוען 'קיינמאל נישט אויפגעבן' – אפילו ווען עס פעלט אויס זיך ארייננצומישן אין אינערליכע שפיטאל החלטות, טראץ וואס די שפיטאל גלייכט דאס נישט אזוי..

זיי טוען 'קיינמאל נישט אויפגעבן' – און האלטן די בעסטע קשרים מיט דאקטוירים און פראפעסארן, אלעס זיכער צו מאכן אז ווען עס האנדלט זיך איבער א וויכטיגע סיטואציע זאל מען האבן די עקספערטיז און בעסטע רפואה מעגליכקייטן.

אבער וואס פעלט זיך אויס צו גיין ארום-און-ארום, לאמיר אייך פארציילן די מעשה ווי איך האב עס געהערט פון כלי ראשון און איר וועט שוין אליין באשליסן וואס דאס מיינט אז מארס טוט קיינמאל נישט אויפגעבן.

פרייטאג בחוקותי
כ"ג אייר תשפ"ד -

## עס איז נישט מער ווי א ווירוס

משה'לע, א זעקס יעריג אינגל, פאנגט אן צו היסן היבש שטארק און באקלאגט זיך פאר די מאמע אז עס טוט אים וויי ביים טשעסט.

די מאמע זעט די סימפטאמען און קלערט גלייך אז דאס איז ווארשיינליך א 'טשעסט אינפעקשאן'. נו, מען האט שוין געהערט אזוינס. זי רופט אן איר GP און באשטעלט אן אפוינטמענט מיטן דאקטער אריבערצוקומען מיט איר משה'לע.

זי קומט אן צום דאקטער, ער אונטערזוכט משה'לען, און ווי דער שטייגער דאהי אין ענגלאנד מאכט ער עס גלייך אוועק אז עס איז נישט מער ווי א ווירוס, מיט די הוראה צוריק צו קומען טאמער גייט עס נישט אוועק אדער ווערט ערגער.

מאנטאג במדבר-כ"ו אייר

## א מאמע'ס הארץ

עס איז שוין אריבער דריי טעג פונעם באזוך ביים דאקטער, אבער די מאמע באמערקט אז משה'לע'ן איז נישט אין ארדענונג. ער פילט זיך נאכאלס נישט גוט, די פיבער גייט ארויף און ער זעט נישט אויס גוט. דער GP וויל נישט זען נאכאמאל טענה'נדיג אז עס איז "נאר" דריי טעג.

א מאמע'ס הארץ קען אבער נישט ווייטער אנגיין ווי געהעריג אין אזא פאל, און זי באשליסט אריינצוגיין אין שפיטאל און פרובירן זיי צו בעטן צו מאכן מער טעסטס. זי באשטעלט זאפארט א קאר און פארט אריין צום לאקאלן שפיטאל. דארט איז זי געגאנגען צו די A&E, און נאכן ווארטן עטליכע שעה כנהוג האט מען איר אריינגערופן זען א דאקטער.

דער דאקטער איז גאנץ קנאפ נתפעל געווארן פון אירע דאגות, און האט איר אומצווידייטיג געזאגט אז ביז זיבן טעג איז נישטא וואס צו לויפן אין שפיטאל.

פרייטאג במדבר -
ר"ח סיון נאכמיטאג

## א טשעסט אינפעקשאן

די זיבעטע טאג, זייענדיג ביים GP, איז ער שוין דערשראקן געווארן און צוגעאיילט מען זאל אים אריינטראגן אין שפיטאל, טראכטנדיג אז ער דארף מעגליך IV אנטיביאטיק.

אין שפיטאל האט דער דאקטער אויסגעהערט די געשיכטע, נאכאמאל איבערגעקוקט אויבן-אויף די מצב און באשטעטיגט אז דאס איז א טשעסט אינפעקשאן, אבער עס איז נישט דא וואס צו זארגן, ער האט פארשריבן אנטיביאטיק פאר פינף טעג און אהיימגעשיקט.

זונטאג נשא -
ד' סיון צופרי

## 'מארס' קומט אריין אין בילד

נאך צוויי טעג איז אריבער, עס איז זונטאג 9:30 צופרי, משה'לעס געשוויסטער זענען נארוואס ארויסגעגאנגען צו זייערע מוסדות, אין צייט וואס משה'לע בלייבט אינדערהיים – פונקט ווי די לעצטע פאר טעג. די מאמע איז אבער בכלל נישט רואיג איבער די מצב מיט משה'לע; ס'שוין אדורך צוויי טעג מיט אנטיביאטיק און עס ווערט נאר ערגער.

אויב איז דאס נישט גענוג געווען האט זי פלוצלינג באמערקט אז אין זיינע שליים קומט ארויס ב-ל-ו-ט. דא האט זי זיך שוין אנגעהויבן ערנסט צו זארגן; זי איז נישט קיין דאקטער און פארשטייט נישט קיין סאך אין רפואה, אבער אויף אזויפיל ווייסט זי אז בלוט אין די שליים איז נישט עפעס וואס מען קען איגנארירן, איר הארץ האט געצאפטלט פון שרעק, פרובירנדיג צו דמיונ'ען וואס דאס קען אלס מיינען. פון די אנדערע זייט, האט זי שוין קיין כח און מוט זיך צו ווייטער שלאגן, זי זעט דאך אז מ'קומט אין ערגעץ נישט אן.

נאכן זיך דורכרעדן מיט איר מאן, האט מען באשלאסן צו טון וואס מען טוט אין אזא פאל; אנרופן 'מארס', זיי וועלן אפשר האבן א מהלך וואס מ'טוט דא ווייטער, נאכן דורכגיין דער פארמאלער פראצעדור פון איבערגעבן די פרטים האט זי באקומען א טעלעפאן קאל פון איינער פון די געטרייע קעיס ווארקערס.

דער קעיס ווארקער האט איר אויסגעהערט מיט געדולד, פרעגנדיג שאלות דא און דארט, ער איז מיט איר צוריק געגאנגען צום אנפאנג פון די אנטוויקלונגען, וועלנדיג פארשטיין די מעשה מיט אלע דעטאלן, פון מער ווי א וואך צוריק ביז יעצט, און נאך א קורצע ישוב הדעת האט ער איר מייעץ געווען אז זי זאל אריינגיין צו St Mary's שפיטאל.

די מאמע איז איז שוין געווען גאנץ סקעפטיש צום געדאנק פון פרובירן נאך אן A&E זייענדיג שוין זאט פון איר עקספיריענס ביז אהער. דער קעיס ווארקער האט איר אבער מסביר געווען אז לויט זיין ידיעה איז דא דארט די ריכטיגע עקספערטיז וואס פעלט אויס פאר דעם ספעציפישן פאל, און געבויעט אויף דעם האלט ער, אז דארט וועט מען איר יא נעמען ערנסט.

די עלטערן דריקן אויס זייער דאנקבארקייט פאר 'מארס' און דעם קעיס ווארקער, נאך וואס זיי פילן ציניג אז זיי זענען נישט אליינס אויפן וואסער, זיי האבן אידן מיט א ווארעם הארץ וואס טראגן מיט זיי די עול און

mars
NEVER GIVING UP
קיינמאל אויפגעבן
ב' - ג' דברים | 5/6 AUG



אריינגאנג צו סט. מעריס (St Mary's) שפיטאל



א CT סקען מאשין



CT סקען מאשין רעזולטאטן



פראפעסאר Praviz Habibi paediatric respiratory consultant -St. Mary's

זענען זיי גרייט מדריך צו זיין.

### זונטאג נשא -
### ג' סיון פארנאכטס
## פרישע טעסטס, ב"ה אלעס פיין

ביז מען האט אלעס מסדר געווען איז געווארן זונטאג אווענט, און די מאמע איז אריסגעפארן מיט משה'לע אויפן וועג קיין St Mary's, באגלייט מיטן תהלימ'ל וועלכע זי האט נאס געמאכט מיט אירע טרערן, זיך בעטנדיג ביים באשעפער אז מען זאל זיך שוין ארויסזען פון דעם גאנץ און געזונט.

אנקומענדיג אין שפיטאל איז זי ווידער געגאנגען צום A&E, און פארשרייט זיך... געווארט, ביז מען האט איר אריינגערופן, און זי פארציילט פארן דאקטער אלע אירע זארגן. דער דאקטער האט איר אנגענומען זייער ערנסט און באשלאסן איר צו שיקן אויף ווייטערדיגע טעסטס.

צום ערשט איז געווען א בלוט טעסט, וואס קוקט איבער וועגן אינפעקציעס, דאס איז ארויסגעקומען אביסל הויך, אבער נישט ספעציעל באזארגנד. דער דאקטער האט זיך אבער נישט באגנוגנט מיט דעם, נאר ער האט געשיקט ווייטער פאר א CT סקען איבערצוקוקן די לונגען.

נאך א שטיק צייט אנגעצויגענע ווארטן אויף די רעזולטאטן, קומט דער דאקטער ארויס און מעלדט זיי איין אז ער זעט טאקע געוויסע טוישונגען אינעם לונג, אבער ער באשטימט אז דאס קען זייער מעגליך קומען פון די אינפעקציע וואס גייט ווארשיינליך שוין אן א שטיק צייט.

נאכן זיך איבעררעדן מיט די טיעם איז געבליבן אז מען גייט טוישן צו א שטערקערע אנטיביאטיק. ווי אויך האט ער צוגעגעבן נאך א מעדעצין וואס בארואיגט דאס היסן. ווען מען האט אים געפרעגט פון וואס דאס בלוט אין די שליים קומט, האט ער געזאגט אז דאס קומט ווארשיינליך צוליב וואס פונעם היסן ווערן די לונגען אנגעשטרענגט און דעריבער קומט בלוט, און דאס קען זיך מאכן.

די גאנצע פראצעדור האט זיך געצויגן פארן לויף פונעם נאכט, און אנגעקומען אהיים זענען משה'לע מיט די מאמע ערשט מאנטאג – א טאג פאר ערב שבועות – פארטאגס. דער טאטע האט אנגערופן דעם קעיס ווארקער איבערצוגעבן די אנטוויקלונגען. דער קעיס ווארקער האט אויסגעפרעגט פונקטליך יעדן פרט און אויך געבעטן צו זען די Discharge Summary און נאך אלעם האט ער געהייסן פאר די עלטערן צו זיין גאר וואכזאם טאמער פארערגערט זיך עס, בפרט דארפן זיי משים לב זיין אויב עס פארבעסערט זיך טעוואס נאך 24 שעה פון די נייע אנטיביאטיק, ווייל טאמער נישט האלט ער איז דאס פלאץ פונעם קינד אין שפיטאל.

### מאנטאג נשא -
### ד' סיון נאכמיטאג
## פאניק!!!

אינצווישן לויפן די שעות און משה'לע ליגט אין בעט אפגעשוואכט. עס איז א טאג פאר ערב שבועות אויפן וועלט, געגוי ווי יעדע אידישע מאמע איז משה'לעס מאמע אויך פארנומען צו קאכן לכבוד יו"ט און צוגרייטן די מילכיגע געבעקסן, וווען יעדע פאר מינוט ווארפט זי אירע אומרואיגע בליקן אויף דאס קינד.

נאך אפאר שעה, באמערקט די מאמע אז משה'לע איז בכלל נישט בסדר, ער איז עפעס נישט געהעריג 'דאהי' ווי מ'רופט עס.. ער איז שטארק פארשלאפן, דער געווענליך-לעבעדיגער אינגל ליגט אין בעט פארלאשן מיט פארגלייזטע אויגן, ער קוקט אויס ווי האלב אויף יענער וועלט. אמת, ער איז שוין די לעצטע פאר טעג קראנק אין בעט, אבער יעצט איז גאר עפעס אנדערש, ער קוקט עפעס אויס אזוי...שרעקעדיג!

דא איז די מאמע אריין אין א פאניק! וויפיל נאך קען זי זיך בארואיגן?? זי ווייסט אז יעדער האט געזאגט אז אלעס איז גוט, אבער די ווערטער פון דער קעיס ווארקער דרייט זיך איר אין קאפ, "אויף יעדן פארערגערונג זאל מען מיר זאפארט רופן". זי שלאגט

זיך מיט זיך אליינס; צי דארף איך טאקע יעצט רופן אדער איז עס נאר מיין דמיון וואס שפילט? נאך א מינוט נעמט איבער די מוטערליכע זארג און זי הייבט גלייך אויף א טעלעפאן צום קעיס ווארקער.

ער הייבט באלד אויף, עס הערט זיך אויף אים אז ער האט נאך כלל נישט מסיח דעת געווען פון דעם קעיס, און מיט א דערשראקענע טרערן-געשטיקטע שטימע לייגט זי אים אראפ מיט אלע פארבן וויאזוי דאס קינד זעט אויס. ער הערט איר אויס מיטן פולן קאנצענטראציע, און טראץ וואס ער ווייסט אז מען האט עס שוין גוט אויסגעטשעקט ווערט ער גאר ערנסט, זאגנדיג אז ווען א קינד קומט צו דער מצב אז ער איז Lethargic איז דאס נישט קיין שפיל.

ער מאכט זיך א שנעלן חשבון אז ווידער אריינשיקן אין A&E איז נישט קיין עסק, מען קען זיך דאך נישט פארלאזן אויפן ערשטן דאקטער וואס מען גייט אנטרעפן מיט אזא האקעלע שאלה, ער פילט אז יעצט דארף מען עדווייס פון א ספעציאליסט, און ברעכט זיך קאפ וויאזוי דאס צו ערגרייכן. עס פאלט אים איין א נאמען פון אן אויסגערופענער קינדער ספעציאליסט אויף רעספיראטארי, וועלכער ארבעט גראדע אויך אין St Mary's און ער דארף צו האבן זיין קאנטאקט נאמבער.

ער גיבט א דייעל דעם נאמבער, צו זיין דערלייכטערונג הייבט דער דאקטער אויף אויפן ערשטן קלונג, און יא! ער האט יעצט א מינוט, ער קען רעדן.. דער קעיס ווארקער פארציילט אים די גאנצע געשיכטע וואס שפילט זיך אפ מיט אונזער משה'לע, און פרעגט אים זיין מיינונג דערוועגן. דער דאקטער הערט אויפמערקזאם אויס, און געבט זיך א רוף אן: "איך וואלט געהאלטן, אז היות מען האט אנגעפאנגען די ניע אנטיביאטיק איז זייער מסתבר אז נאך 24 שעה ווי נאר עס וועט אריינגיין און קראפט וועט עס אנהייבן גיין צו בעסערונג, איך וואלט דעריבער נישט געשטופט צוריק צו גיין און שפיטאל."

דער קעיס ווארקער איז בכלל נישט געווען באקוועם און איז נאכאמאל איבערגעגאנגען די גאנצע היסטאריע, און וויאזוי דער קינד קוקט נעבעך אויס, דער דאקטער האלט זיך אבער ביי זיינס אז פון זיין עקספעריענס דארף מעןווארטן מיט געדולד.

דער קעיס ווארקער איז צוריסן ביי זיך, פון איין זייט אזא גרויסע אחריות צו לאזן א קינד אין דעם מצב אינדערהיים, פון דער אנדערער זייט איז דאך יענער באמת א ספעציאליסט וואס האט שוין געזען טויזנטער אזעלכע קעיסעס. ער רופט צוריק די מאמע, ער געבט איר איבער די ווערטער פונעם ספעציאליסט באגלייט מיט בארואיגונג'ס ווערטער, אבער פארגעסט איר נישט צו ווארענען צו זיין וואכזאם אויף די מינדעסטע טויש, און לייגט אראפ מיט א שווער הארץ.

## מאנטאג נשא - ה' סיון ביינאכט

# דער דאקטער איז אויפן טעלעפאן...

עס גייט נישט אריבער קיין סאך צייט פון ווען דער קעיס ווארקער האט אראפגעלייגט דעם טעלעפאן, ווען זיין מאבייל צעקלינגט זיך פלוצלינג. ער כאפט א בליק אויפן סקרין און זעט אז דאס איז נישט קיין צווייטער ווי דער רעספיראטארי דאקטער צו וועם ער האט פריער גערעדט איבער משה'לעס קעיס.

דער דאקטער זאגט אים, "נאך וואס כ'האב אראפגעלייגט דעם טעלעפאן מיט דיר בין איך נישט געווען רואיג, כ'האב דיר טאקע געזאגט וואס איך האב געזאגט, אבער דאך האט מיר מיין געוויסן מיר גערדריקט. איך האב דאך נישט געזען דעם פאציענט און זיי גייען זיך פארלאזן אויף מיין פסק, איז אזוי ווי איך ארבעט אין St Mary's און איך האב עקסעס צו דער סיסטעם האב איך באשלאסן אליין איבערצוקוקן די בילדער פונעם CT סקען און... עפעס געפעלט מיר נישט דארטן... זאג פאר די עלטערן אז זיי זאלן שוין אריינגיין צוריק אין שפיטאל!"

דער קעיס ווארקער הערט זיך צו און פרעגט אים, "ווער גייט זיי נעמען ערנסט, ווען זיי זענען דאך אהיימגעשיקט געווארן מיט בלויז 24 שעה צוריק, און דו געפינסט זיך דאך נישט דארטן יעצט?" זאגט אים דער דאקטער, "וואס הייסט, זיי זאלן זאגן אין שפיטאל אז איך האב געהייסן צוריקקומען!"

## מאנטאג נשא - ה' סיון ביינאכט

# אריינגיין אין שפיטאל שוין! יעצט!

דער קעיס ווארקער לייגט אראפ די טעלעפאן מיטן דאקטער און וויל נישט פארלירן קיין איין איבריגע מינוט. ער רופט גלייך אן די עלטערן - וועמענ'ס הערצער צאפלען פון פחד און זארג, נישט זייענדיג רואיג מיט די מצב, און פארציילט זיי איבער די שמועס וואס ער האט יעצט געהאט מיטן דאקטער. ער איז זיי מזרז אז זיי זאלן נישט טראכטן קיין צוויי נאר תיכף אריינגיין אין שפיטאל און איבערגעבן וואס דער דאקטער האט געזאגט, ווען ער פארזיכערט זיי אז ער איז דא פאר זיי די גאנצע צייט און איז גרייט זיי צו העלפן מיט יעדע שאלה וואס זיי האבן.

די עלטערן וואס האבן נישט געוואוסט וואס צו טון מיט זיך פון גרויס זארג און אנגסט, האבן נישט געדארפט קיין סאך הערן. זיי האבן געשפירט אז יעדע מינוט קען מאכן א חילוק, און זענען אין איילעניש אריינגעפארן אין שפיטאל, ערלעדיגנדיג פארדעם איינער וואס זאל פארבלייבן מיט די איבריגע קינדער אין שטוב, און

mars
NEVER קיינמאל
GIVING UP אויפגעבן
ב' - ג' דברים | 5/6 AUG

אנגעקומען קיין St Mary's צו די A&E, צום צווייטן מאל די לעצטע 24 שעה.

אנקומענדיג דארט איז שוין געווען נענטער צו טאג ווי צו נאכט. אין צייט וואס די גאנצע שטאט איז איינגעהילט אין א געשמאקע זארגלאזע שלאף, געפינען זיך א טאטע-מאמע מיט זייער 6 יעריג קינד אליינס צווישן די שרעקעדיגע שפיטאל קארידארן און גרין-באקליידעטע דאקטוירים, נישט וויסנדיג וואספארא נייעס די קומענדיגע מינוט גייט זיי ברענגען.

## דינסטאג נשא צופרי - ערב שבועות

# שאק און שוידער, 'עפעס' געטראפן...

עס איז דינסטאג צופרי, ווען דעם קעיס ווארקער'ס טעלעפאן צעקלינגט זיך ווידער. דאס מאל איז עס משה'לעס טאטע...."מען שיקט אונז אריבער קיין Great Ormond st און מען גייט אפערירן! זיי רעדן פון אוועקשניידן א האלבע לונג פון מיין ליכטיגער משה'לע!!!!" הערט ער דעם טאטנ'ס צעבראכענע שטימע שרייען. די ווערטער זענען ארויסגעקומען צומישט און צוהאקט מיט א שרעקליכע בהלה, אזש דער קעיס ווארקער האט נישט געקענט צוזאמשטעלן וואס עס גייט פאר.

עס האט גענומען א שטיק צייט ביז ער האט געקענט בארואיגן דעם צושוידערטן טאטן, גענוג אויף צו קענען איבערגעבן די שרעקליכע נייעס וואס ער האט נארוואס ערהאלטן פונעם דאקטער, אז עס איז "עפעס" דא אויף די לונגען פון משה'לע...... עפעס א געוואוקס.. וואס מען וועט ווארשיינליך מוזן גאנץ שנעל אפערירן.

דער טאטע האט גלייך אראפגעלייגט. ער קען נישט מער רעדן, ער פילט ווי די וועלט פאלט צאם פאר זיינע אויגן... זיין קינד האט "יענע מעשה"!!!! ער איז דערשראקן און צומישט און ווייסט נישט וואס די קומענדיגע מינוט גייט ברענגען... ער קען ניטאמאל טראכטן גראד, ס'איז עק וועלט! ער ווארפט דעם גאנצן פעקל אויפן קעיס ווארקער, ער קען נישט מער דערהייבן!

דער קעיס ווארקער שטייט פארקלאפט מיטן טעלעפאן אין די האנט, ער קען נישט צו זיך קומען, פון איין מינוט אויף דער אנדערע אזא באמבע, ער ווייסט אז ער מוז זיך צוזאמנעמען און טראכטן גראד; טריטמענטס, אפעראציע... וואס זענען די אפציעס וכו'. ער איז אבער נישט מסוגל, עס איז ליידער נישט דאס ערשטן מאל וואס ער האלט דאס מיט, אבער יעדעס מאל רייסט עס שטיקער פון אים...

מיט איבערמענטשליכע כוחות נעמט ער זיך צוזאם, עס איז דאך לא עת לחשות, מען מוז זיך ריקן ווייטער. ער פרובירט צו מאכן סדר אין זיינע מחשבות, עפעס גריזשעט אים און קאפ אז די מעשה שטימט נישט, ער האט דא אפאר קשיות. 1) ער האט דאך ביז יעצט געהאט אלע סימנים פון אן אינפעקציע וואס וואלט נישט אזוי געשטימט מיט 'יענע מעשה'. 2) יענע מעשה אויף די לונגען פון א קינד איז זייער זייער נישט שכיח און דא האט מען עס געגעבן א פסק'ן אפ באזירט אויף די דעת פון דער וואס האט יעצט געליינט דער סקען, און מען רעדט שוין פון אפערירן און ארויסשניידן א האלבע לונג? עפעס שטימט דא נישט.

## דינסטאג נשא מיטאג - ערב שבועות

# דער דאקטער שטימט צו

דער קעיס ווארקער האט געוואוסט אז דער זייגער איז נישט אויף זיין זייט, מיט יענע מעשה קענען זיך זאכן רוקן שנעל, אין דא וויל ער פרובירן איבערצוצייגן דעם טיעם איבערצוקוקן נאכאמאל, וואס איז ווייט נישט קיין גרינגע ארבעט – פאר ווער עס קען די סיסטעם אין די שפיטעלער.

ער נעמט אן קוראזש און רופט אן דעם אויבנדערמאנטער דאקטער. ער באדאנקט אים צום ערשט אויף זיין שתדלנות, אבער גלייכצייטיג



אריינגאנג צו גרעיט ארמאנד סטריט האספיטעל



דער cardiothoracic radiologist ליינט די רעזולטאטן




BROMPTON שפיטאל



די מיטינג צימער אין "מארס"

לייגט ער פאר זיינע ספיקות. דער דאקטער הערט אים אויס מיט רעספעקט, פילנדיג אז ער זאגט דברים של טעם. נאך א קורצע דין-ודברים איז געבליבן אז באמת מכריע צו זיין אין דעם קען נאר א געוויסער גרויסער Cardiothoracic Radiologist (דאס איז א מומחה אין ליינען בילדער פון די הארץ און לונגען), מען דארף שיקן די בילדער צו אים און ער וועט מכריע זיין.

### דינסטאג נשא נאכמיטאג – ערב שבועות

## יעדע מינוט ציילט!

דער דאקטער האט פארמאגט די נויטיגע קאנעקשענס און ביז עטליכע שעה איז שוין געווען א נייע רעפארט פון דער Cardiothoracic Radiologist !

צום שטוינונג פונעם גאנצן טיעם ווייזט די נייע רעפארט א גענצליך אנדערע בילד, נעמליך אז די גאנצע זאך איז טאקע נאר אן אינפעקציע, נאר די אינפעקציע האט זיך קאנצענטרירט אויף איין פלאץ, און האט פארמירט אזא Abscess פון אייטער.

דער ערשיטערטער טאטע שטייט דארט, ער הערט ווערטער, אבער עס גייט אים נישט אריין און קאפ, עס לאזט זיך אים נישט גלייבן. ער פרובירט זיך צו ציפן זיכער צו מאכן אז ער חלומ'ט נישט; איז אמת אז עס איז גאר נישט יענע מעשה?!

דער קעיס ווארקער אבער האט ניטאמאל צייט צו פארדייען די גוטע נייעס, ער ווייסט אז יעצט לויערט נאך א באלדיגע סכנה, וויבאלד דער אינפעקציע איז שוין נאכגעלאזט אזא לאנגע צייט, און זייענדיג אין א פארמאכטע באבל האט אנטיביאטיק מן הסתם קיין סאך נישט אויפגעטון, און דאס איז א באלדיגע סכנה פארן קינד אז אין א ליאדע מינוט ח"ו קען דער אינפעקציע אריינגיין אין די בלוט רח"ל! די איינציגע עצה דערצו איז זאפארט צו אפערירן כדי אויסצורייניגן דאס פלאץ.

דער קעיס ווארקער האט גוט געוואוסט אז די אפעראציעס ווערן נישט געמאכט אין St Mary's און מען וועט מוזן אריבערפירן אדער קיין Great Ormond אדער st Brompton שפיטאל. דא ברויך מען אבער גאר אסאך סייעתא דשמיא. צום ערשט דארף געלונגען צו טרעפן א ליידיגע בעט אין איינע פון די צוויי שפיטעלער, נאכדעם ברויך ווערן ארגאניזירט טראנספארט, אבער ביני לביני – ביז די טראנספארט ווערט ארגאניזירט - קען די בעט שוין ווערן פארכאפט, וחוזר חלילה.

דער קעיס ווארקער האט געוואוסט אז ער איז אין א געלויף קעגן דעם זייגער! יעדע מינוט ציילט! און וואס א מינוט פריער מען קען אדורכפירן די אפעראציע איז דא מער אויסזיכטן צו ראטעווען משה'לעס לעבן.

דער קעיס ווארקער זיך באלד פארבינדן מיט די געטרייע חברה הצלה, אז זיי זאלן שטיין גרייט מיט אן אמבולאנס, אז ווי נאר א בעט איז גרייט זאל מען תיכף קענען אריבערפירן משה'לען אן קיין איבריגע פארזוימונגען. דערווייל פרובירט ער מיט זיינע פארבינדונגען צו זען אויב מען קען פארזיכערן א בעט.

### דינסטאג ביינאכט – ליל שבועות

## מאפילה לאורה

עס איז שבועות ביינאכט, דער יו"ט האט נארוואס אויסגעשפרייט זיינע פליגלען און א רואיגקייט און העכערקייט לאזט זיך אראפ אויף כלל ישראל. דער עולם דאוונט א ווארימע יו"ט'דיגע מעריב אין צייט וואס א קליין אידיש קינד וואקלט זיך צווישן לעבן און טויט.

די עלטערן פארגיסן טייכן טרערן אז עס זאל ווי שנעלער פריי ווערן א בעט, נאך פאר עס איז צו שפעט ח"ו.

בחסדי ה', אין לויף פון די פריע נאכט שעות איז אנגעקומען א מעסעדזש פון בראמפטאן אז עס איז פריי געווארן א בעט! הצלה איז שוין געווען גרייט און האט אים תיכף אריבערגעפירט קיין בראמפטאן, יו"ט אינדערפרי האט מען שוין דורכגעפירט די וויכטיגע אפעראציע מיט גרויס סוקסעס.

עס איז נישט שייך צו שילדערן די פרייד און רואיגקייט פון די עלטערן עטליכע שעה דערנאך, ווען זיי האבן געזען ווי זייער באליבטער משה'לע וועקט זיך אויף פונעם איינשלעפונג מיט א שמייכל אויפן פנים, און די דאקטוירים האבן באשטעטיגט אז די אפעראציע איז ב"ה געלונגען און משה'לע איז ארויס מכלל סכנה און וועט זיך שנעל ערהוילן בעז"ה!

## עפילאג

געלויבט דעם באשעפער דרייט זיך היינט משה'לע ארום א געזונט צעפרידענער אינגל, ווען עס איז שווער זיך פארצושטעלן אז ווען נישט די געטרייע שלוחים פון באשעפער אין פארעם פון 'מארס' נעמען איבער דעם קעיס און מישן אריין זייער עקספערטיז אינעם פעלד, וואלט די סיטואציע געקענט ח"ו זיין אנדערש.

וויל מארס שרייט אויס צו די טאטע-מאמע, צום קינד, צו די דאקטוירים, צו די שפיטאל שטאב, און צו יעדער וואס דארף עס נאר הערן: **מיר זענען מיט אייך אין יעדן מצב און מיר וועלן 'קיינמאל נישט אויפגעבן'!!!** ■

NEVER GIVING UP
mars
קיינמאל אויפגעבן
5/6 AUG | ב' - ג' דברים

Media Sponsors:
PARK HILL FINANCIAL
das FINANCE
WATERMINT PROPERTY GROUP
Lifepoint Healthcare

הרב שלמה טייטלבוים
יו"ר מכון מחשבת החינוך

# וואס האט אים אזוי איבערגענומען?

בלעם לאזט זיך ארויס אויפן וועג צו שעלטן כלל ישראל, ער רייט אויף זיין באליבטע אייזל וואס האט אים באגלייט אין אלע זיינע צייטן אין לעבן. אן אייזל וואס האט אים באדינט במסירות נפש אלע יארן, אבער פלוצלינג יעצט גייט עס נישט ווי געפלאנט.

די אייזל גייט אראפ פון וועג נאכאמאל און נאכאמאל. בלעם שלאגט איר מיט די גאנצע כעס, און נאך די דריטע מאל וואס זי האט געכאפט קלעפ האט די אייזל געעפנט די מויל און אים ארייין געזאגט:

"פארוואס שלאגסטו מיר שוין דריי רגלים?" האט די אייזל געפרעגט.

"דריי וואס?!" פרעגט בלעם.

"דריי רגלים. דריי מאל האסטו מיר שוין געשלאגן פאר גארנישט," טענה'ט די אייזל.

"וואס רגלים?" פרעגט בלעם.

"דו ווילסט הרג'ענען א פאלק וואס פייערט דריי רגלים, און דו פארשטייסט נישט אז ס'וועט דיר נישט גיין. זייערע ימים טובים זענען אזוי שטארק אז ס'וועט דיר נישט געלונגען."

בלעם דערשרעקט זיך נישט. ער נעמט נישט אן די ווערטער פון זיין אייזל און ער גייט ווייטער אויף זיין וועג צו שעלטן כלל ישראל.

לכאורה דארף מען פארשטיין וואס האט דא די אייזל געוואלט? אויב זי האט אים געוואלט ערקלערן אז זיי האבן זכותים פון מצוות וואס היט אויף זיי, איז פארוואס האט ער אנגעכאפט דווקא די מצוה פון עליה לרגל? וואס האט ער נישט אנגעכאפט אנדערע מצוות וואס כלל ישראל זענען זיך מוסר נפש אויף דעם, וואס איז דא אין די מצוה מער פון אנדערע וואס פונקט דאס וועט מגין זיין פון בלעמ'ס קללות?

שפעטער ווען בלעם איז שוין אנגעקומען צום מדבר און אנגעהויבן צו פרובירן צו שעלטן איז אים נישט געגאנגען און אלעס איז געווארן ברכות. אבער בלעם האט זיך גארנישט מייאש געווען און געגאנגען פון איין פלאץ צום אנדערן און געמאכט נאך און נאך קרבנות, אפשר וועט אים געלונגען צו שעלטן כלל ישראל.

ביז ווען ער איז געקומען צו איין פלאץ, וואס דארט האט ער שוין פארשטאנען אז ס'וועט נישט גיין און ער האט צוריקגעצויגן פון זיין פלאן צו שעלטן די אידן.

וואו איז דאס געווען? שטייט אין פסוק, "וישא בלעם.. וירא את ישראל שוכן לשבטיו ותהי עליו רוח אלוקים", זאגט רש"י אז בלעם האט געזען אז די טירן פון די אידישע געצעלטן זענען אויסגעשטעלט מ'זאל נישט קענען ארייינקוקן איינער צום אנדערן. ווען ער האט דאס געזען האט ער פארשטאנען אז ער וועט זיי נישט קענען שעלטן, יעצט האט ער אנגענומען וואס די אייזל האט אים שוין דעמאלט געזאגט און ער האט מסכים געווען אז די אידן זענען ראוי צו ברכות און נישט צו קללות.

וואס האט ער דא געזען וואס ס'האט אים אזוי שטארק איבערגענומען? וואס איז עפעס אזוי ספעציעל אין אט די הנהגה, וואס דורך דעם האט ער פארשטאנען אז ער קען נישט שעלטן? וואס האבן די טירן פון געצעלטן אויפגעטון אין זיין הארץ מער פון וואס די אייזל האט אים געזאגט?

*

אין יענעם טאג האט די שטעטל גראדנע געקאכט ווי א קעסל, קיינער האט זיך נישט געקענט בארואיגן. קופקעס זענען געשטאנען איבעראל און אדורכגעטון די שווערע נייעס, און יעדער האט געווארט צו הערן וואס די רבנים און די עסקנים וועלן הייסן צו טון.

אין די געמיינדע הויז זענען זיך צוזאמען געקומען אלע עסקנים און געזוכט אן עצה וויאזוי מבטל צו זיין די שלעכטע גזירה וואס קען צושטערן די גאנצע אידישע לעבן פון די קהילה.

"מ'קען דאס נישט צולאזן," האבן גע'טענה'ט א טייל פון די אידן. "מ'מוז זיך מוסר נפש זיין פאר אזא זאך."

"און וואס וועט זיין מיט די פרנסות?" האבן אנדערע געזארגט,

"פון וואו וועט מען האבן צו קויפן עסן און אויסהאלטן אונזערע מוסדות?"

וואס איז דארט געשען? אויף וואס איז דער גרויסער גערודער געווען?

ביים עק פון גראדנע איז געשטאנען א קליינע 'ציגרעטלעך פאבריק' וואס האט געהערט פאר א גוי. אין דעם פאבריק האט מען געמאכט ציגרעטלעך און טאביק און פארקויפט פאר די מענטשן פון שטאט. דאס איז געווען א קליינע פאבריק וואס האט נישט געברענגט אסאך געלט, ביז ווען ר' מענדל האט געלייגט אן אויג אויף דעם.

ווען ר' מענדל האט אפגעקויפט די פאבריק איז דאס געווען א קליינע פאבריקל וואס דער בעל הבית האט געוואלט פטור ווערן פון דעם און ער האט עס פארקויפט פאר זייער ביליג.

ר' מענדל האט איבערגעבויט דעם פאבריק, אריין געברענגט נייע סארט טאביק, געקויפט נייע מאשינען און אנגעהויבן צו פארקויפן זיינע סחורה אין גאנץ פוילן, ס'האט נישט גענומען צו לאנג און ביז אפאר יאר איז ר' מענדל'ס ציגרעטלעך און טאביק געווען באקאנט אין גאנץ פוילן.

די פאבריק פון ר' מענדל איז געווען אין יענע צייטן די גרעסטע ציגרעטלעך פאבריק אין פוילן. אין זיין פאבריק האבן געארבעט הונדערטער אידן וואס האבן אהיים געברענגט פרנסה ברווח, ווי אויך האבן הונדערטער גוים געארבעט אין ר' מענדלס פאבריק.

די פאבריק פון ר' מענדל פלעגט זיך שליסן יעדע פרייטאג נאכמיטאג, געווג פרי אז די עולם זאל זיך קענען צוגרייטן אויף שבת, און פלעגט זיך צוריק עפענען מאנטאג אינדערפרי' אזוי אז די גוים זאלן אויך קענען האבן זייער רואיגע זונטאג.

אין יענעם טאג איז אנגעקומען א בריוו פון די פוילישע רעגירונג, אז לויט די געזעץ איז נאר זונטאג א פרייע טאג פון ארבעט, און אזא וויכטיגע פאבריק וואס אזויפיל מענטשן זענען תלוי אין דעם קען זיך נישט ערלויבן צו פארמאכן צוויי טעג א וואך, און וועגן דעם איז ר' מענדל געצווינגען צו האלטן אפן זיין פאבריק אום שבת פונקט ווי יעדן טאג.

ר' מענדל וואס איז געווען אן ערליכער איד איז געווארן זייער דערשראקן; וואס קען מען יעצט טון, אזא גזירה איז פשט אז מ'מוז אדער פארמאכן די פאבריק אינגאנצן, א זאך וואס וועט זיין זייער א שטארקע קלאפ פאר הונדערטער אידישע משפחות וואס האבן זייער פרנסה פון דא, אדער חלילה ארבעטן שבת, א זאך וואס נאך מער אוועקלייגן די אידישע לעבן אין שטאט.

די רבנים און די עסקנים האבן זיך צוזאמען געזעצט און געזוכט אן עצה וויאזוי מבטל צו זיין די שלעכטע גזירה. די שלוחים וואס זיי האבן געשיקט קיין ווארשא אויסצופארשן פארוואס ס'איז יעצט געקומען די באפעל, האבן פארשטאנען אז די משכילים שטייען אונטער די גאנצע גזירה מיט א קלארע מטרה פון אויסרייסן די אידישקייט פון כלל ישראל און אריין ברענגען א חורבן אין די אידישע קהילות.

נאך לאנגע שעות פון זיצן און זוכן אן עצה, האבן די עסקנים באשלאסן אז מ'דארף צוזאמרופן א גרויסע אסיפה פון רבנים אין ווארשא נישט ווייט פון די פארלאמענט, די פוילישע רעגירונג זאל הערן פון דעם און פון דארט וועט ארויסגיין א דעלעגאציע פון רבנים זיך צו טרעפן מיט די מיניסטארן און זיי ערקלערן די וויכטיגקייט אז די פאבריק זאל בלייבן געשלאסן אין שבת.

זיי האבן פארשטאנען אז דאס וועט נישט זיין אזוי גרינג צוזאם צו ברענגען אסאך חשוב'ע רבנים קיין ווארשא, האבן זיי באשטעטיגט צו שיקן א משלחת צום הייליגן חפץ חיים, אים צו בעטן ער זאל אויסרופן אויף אן אסיפה און אזוי וועט שוין יעדער קומען.

דער חפץ חיים איז שוין געווען דעמאלט אין זיינע עלטערע יארן, ער האט שוין נישט געהערט אזוי גוט. נאך ווען מ'האט אים דערציילט די גאנצע מעשה האט ער ארויסגעלאזט א קרעכץ און געזאגט, "איר זענט טאקע גערעכט. מ'דארף צוזאם נעמען אן אסיפה פון אלע רבנים אין גראדנע און זיך מחזק זיין קעגן די גזירה."

"רבי, מיר ווילן צוזאמנעמען אן אסיפה אין ווארשא," האבן זיי איבערגעזאגט הויך.

"יא יא, מ'דארף טאקע מאכן אן אסיפה אין גראדנע."

אפאר מאל האבן זיי פרובירט צו ערקלערן דעם חפץ חיים אז די אסיפה דארף זיין אין ווארשא, אז די רעגירונג זאל הערן פון דעם, און פון דארט וועט מען ארויסשיקן א דעלעגאציע פון רבנים ס'זאל מאכן א רושם.

אבער דער חפץ חיים האט זיך געהאלטן ביי זיינס אז מ'מוז מאכן אן אסיפה אין גראדנע און ער וויל אויך קומען צו די אסיפה.

די שלוחים האבן נישט געהאט קיין ברירה און צוריק געקומען מיט די הוראה פון דעם חפץ חיים אז מ'מוז מאכן אן אסיפה אין גראדנע. די עסקנים האבן נישט פארשטאנען וואס דאס וועט צוגעבן, אבער אז דער חפץ חיים האט געהייסן און ער האט געזאגט אז ער אליין גייט קומען האבן זיי נישט געהאט קיין ברירה און זיך צוגעגרייט צו א גרויסע אסיפה פון אלע רבנים אין די קליינע שטעטל גראדנע.

דער חפץ חיים איז געקומען קיין גראדנע און געבעטן צוזאם רופן אלע איינוואוינער פון שטאט. דאן האט ער גערעדט א פייערדיגע דרשה איבער די מצוה פון שמירת שבת.

"אויב מ'האט פון הימל געשיקט אזא גזירה אויף גראדנע,

איז פשט אז דאס האט צוטון מיט די אידן פון גראדנע, וויל די גוים האבן דאך נישט די מצוה פון שמירת שבת," האט דער חפץ חיים צוגעענדיגט זיינע ווערטער.

ס'איז געווען א גרויסע התעוררות אין די שטעטל און יעדער איינער האט זיך אונטער גענומען זיך מחזק צו זיין אין שמירת שבת ווי ס'דארף צו זיין.

שפעטער האט דער חפץ חיים גערופן ר' מענדל און אים געגעבן א לאנגע שמועס איבער די הייליגקייט פון שבת, און פארלאנגט ער זאל זיך אונטער נעמען אז אויך אויב די גזירה וועט בלייבן וועט ער נישט עפענען די פאבריק אין שבת, אפילו אויב די רעגירונג וועט אים אוועקנעמען זיין פאבריק.

נאך וואס ר' מענדל האט זיך דאס אונטער גענומען מיט די גאנצע הארץ, האט דער חפץ חיים געלאזט רופן אלע אידישע ארבעטערס פון די פאבריק און זיי געגעבן א דרשה איבער די חשיבות און די גרויסקייט פון שבת קודש, און פארלאנגט פון זיי זיך אונטער צו נעמען אז יהיה מה שיהיה זיי גייען נישט ארבעטן שבת, אפילו ווען זיי וועלן פארלירן זייער פרנסה אויף אייביג.

די ווערטער פון דער חפץ חיים האט געמאכט א שטארקע איינדרוק אויף אלע משתתפים און ס'איז געווען א גרויסע התעוררות פון מסירות נפש פאר שבת. יעדער איינער פון די ארבעטערס האט אונטער געשריבן אז ער נעמט זיך אונטער צו היטן שבת במסירות נפש, אפילו אויב ער וועט נישט האבן וואס צו עסן אינדערהיים.

"יעצט," האט דער חפץ חיים געזאגט פאר די עסקנים, "קענט איר שיקן אפאר יונגעלייט קיין ווארשא, זיך צו טרעפן מיט דעם מיניסטער און בעטן מבטל צו זיין די גזירה. וויבאלד יעצט ווען אונז האבן זיך מחזק געווען אין שמירת שבת, איז נישט מעגליך אז זיי זאלן האבן א כח צו צושטערן אונזער שבת, ווייל א זאך וואס אונז מאכן מיט א שטארקייט און מיט אן ערנסטקייט האט קיינער נישט קיין כח צו צושטערן!"

צוויי עסקנים זענען ארויסגעפארן קיין ווארשא זיך צו טרעפן מיטן מיניסטער, וואס האט אויפן פלאץ מבטל געווען די גזירה.

*

יעדע מצוה וואס כלל ישראל האט זיך אונטערגענומען מיט א געשמאק און מיט אן ערנסטקייט, האט עס א כח און אן אויפטו אז קיינער קען דאס נישט צושטערן. ווען א מענטש נעמט זיך אונטער א זאך און ער שטרענגט זיך אן פאר דעם מיט די גאנצע כח, האט ער א ספעציעלע סייעתא דשמיא אז ער וועט דאס קענען ווייטער מאכן, און דאס איז מגין אויף אים אז אזא סארט זאך וועט אים נישט קענען שעדיגן.

ווען כלל ישראל האט געוואוסט אין מדבר האבן זיי אויסגעשטעלט זייערע געצעלטן די טירן זאלן נישט זיין איינער אנטקעגן דעם אנדערן, מ'זאל נישט אריין קוקן איינער ביים צווייטן, ס'זאל נישט אריינגיין קיין עין הרע פון איינער צום אנדערן ווען מ'וועט זען וואס יענער האט מער פון מיר.

ווען בלעם האט געזען וויאזוי כלל ישראל זענען מקפיד נישט אריין צו לייגן א שלעכטע אויג איינער אויפן צווייטן, דעמאלט "עלה בלבו שלא לקללם", דאן האט ער פארשטאנען אז ס'איז נישט מעגליך ער זאל קענען אריינלייגן אין זיי א שלעכטע אויג און זיי שעלטן. ער האט פארשטאנען אז זיינע שלעכטע אויגן קענען דא גארנישט אויפטון אויב זיי האבן א גוטע אויג איינער צום צווייטן.

ער האט פארשטאנען אז אין א נקודה וואס כלל ישראל האלט זיך ערנסט און שטארק, דארט איז נישט מעגליך ער זאל קענען קומען מיט זיין שלעכטע אויג און זיי שלעכטס טון, און אויב אזוי איז אים נאר געבליבן זיי צו בענטשן.

און דאס זעען מיר אויך ביי די מצוה פון עליה לרגל, כלל ישראל לאזט אפ די הייזער, די פעלדער און די גאנצע פארמעגן, און מ'פארט ארויף קיין ירושלים "עליה לרגל". קיינער בלייבט נישט אויפפאסן אויפן שטוב, יעדער קומט מיט, דער איד איז מסכים מיט זיין גאנצע הארץ אפצולאזן אלעס און מפקיר זיין זיין גאנצע פארמעגן און טון וואס דער אויבערשטער וויל.

זאגט דער אייזל פאר בלעם; דו ביסט ארויס פון שטוב ווייל דו ביסט זיכער אז דו גייסט באקומען "מלא ביתו כסף וזהב" זייער אסאך געלט, אבער זאלסו וויסן אז דו האסט נישט קיין שום כח אנטקעגן זיי, דו האסט נישט קיין שאנס צו שעלטן די אידן.

א פאלק וואס געבט אוועק זיין גאנצע געלט און פארמעגן מיט מסירות נפש פארן באשעפער קענסטו נישט קומען מיט א כח פון געלט און זיי פרובירן צו שעלטן, ס'וועט נישט גיין און ס'איז א שאד אויף די וועג וואס מיר גייען. אנטקעגן מסירות נפש פון א איד קען קיין שום כח נישט בייםטיין.

א מצוה וואס כלל ישראל מאכט עס מיט די גאנצע ערנסטקייט און מיט אן אמת'דיגע מסירות נפש האט דער גוי קיין שום כח נישט צו צושטערן. ■

צו באקומען דעם פולן גליון "מחשבות" שיקט אן אימעיל צום מערכת
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו
07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD.N16 6DW

י. אריק

# מה טובו אוהליך יעקב

בלעם דער באקאנטער רשע מרושע
וואס האט געוואלט אויסרייסן די קדושה

געזוכט צו שעלטן די אידן ח"ו בפה מלא
פון אלע זייטן פרובירט טרעפן א קללה

פלוצלינג ווערט ער אזוי מה-טוב
און זאגט מה טובו אוהליך יעקב

דא זוכט ער די אידן צו שעלטן
און דא בארימט ער אידישע געצעלטן

איז דער מדרש מפרש די צדדים
עס שטייט אין משלי 'מוכיח אדם'

איינער וואס זאגט מוסר רייד
'אחרי חן ימצא' ווי אין פסוק שטייט

זאגט דער מדרש לענינינו
'מוכיח אדם' זה משה רבינו

וואס האט מוכיח געווען אידן
אויף אלע עוולות פארשידן

דערפאר האט ער זוכה געווען פיין
צו געפינען ביים אויבערשטן 'חן'

אבער 'בלעם' אן אנדערע סעלושען
אים רופט דער פסוק מחליק לשון

ער פרובירט צו פארגלעטן אלעס
ער זאגט פאר די אידן בלויז מעלות

עטס זענטס אזוי גוט און וואויל
מ'דארף גארנישט פאררעכטן; מה טובו האהל

דאס ברענגט חלילה א חורבן
מ'זאל ווערן ח"ו מער פארדארבן

דער הייליגער בארדיטשוב'ער רב געוויס
דער גרויסער מליץ יושר ומלמד זכות

אלעס פארן אויבערשטן באהאלטן שטיל
אבער פאר אידן געזאגט מוסר פיל

ווי מען געפינט אין זיינע ספרים
אסאך שטרענגע מוסר דברים

משה רבינו אונזער פאסטוך דער געטרייער
פאר אידן שטענדיג געגאנגען אין פייער

געווען אין הימל 40 טעג און 40 נעכט
געבעטן השי"ת זאל מוחל זיין אלע נישט-רעכט

געזוכט זכותים מיט יעדע מליצה
זכות אבות און געבעטן שטיצע

אבער פאר אידישע קינדער אין פנים
האט ער גערעדט שארפע מוסר ענינים

די משנה אין אבות זאגט טאקע
5 תלמידים האט געהאט ר' יוחנן בן זכאי

האט ער געבעטן יעדער פון זיי זאל זאגן
דעם ריכטיגן וועג וואס מ'זאל פארמאגן

ר' יהושע האט געזאגט 'חבר טוב'
זאגט דער ברטנורא פשט דערויף

'שמוכיחו' וואס טוט אים מוסר זאגן
ווען ער זעט אים טון א דבר שאינו הגון

אזוי ווייסט מען וואס צו פאררעכטן
און זיך אפהיטן פון אלעם שלעכטן

דאס מיינט אן אמת'ער גוטער פריינט
נישט ווער עס זאגט אז אלעס שיינט

זעלבסט פארשטענדליך רעדן איידעלערהייט
נישט פארשעמען ברבים 'ולא תשא עליו חטא'

ר' יצחק אלעזר מאסקאוויטש שליט"א זאגט קלאר
רוב דעפרעשענס וואס קומען לעצטנס פאר

איז ווייל מ'האט אפגעלאזט די אלטע מוסר ספרים
וואס האבן מעורר געווען מיט זייערע מאמרים

די יסודות דער גרויסער עיקר
מען האט געריסן פון זיך שטיקער

מען איז נישט געווען פון זיך צופרידן
ממילא אז עס מאכט זיך פארשידן

איז מען נישט געווארן דעפרעסט
מ'האט געוואוסט וויאזוי דאס מען עסט

אבער היינט טוט מען נאר קאמפלימענטירן
און די קלענסטע זאך וואס טוט פאסירן

ווערט מען שוין מרה שחורה קאמפלעט
ווייל מען איז געוואוינט נאר צו א גלעט

א ריכטיגער חשבון הנפש מכאן ואילך
מאכט אז מען זאל נאכדעם זיין פרייליך

דער תניא פרק כ"ו שמועסט עס אויס
קאפיטל נ"א זאגט מען נאך תיקון חצות

דארט שטייט 'תשמיענו ששון ושמחה' און נאך
שמחה קומט נאכן קלאגן אויפן בראָך

ווייל דער רוח הטומאה ווי באקאנט
מאכט צווישן אידן און באשעפער א וואנט

אבער דורכן לב נשבר זיך אויפקאכן
ווערט דער מחיצת הברזל צובראכן

מען ווערט נאנט צו אבינו שבשמים
מיט שמחה באור פני מלך חיים



שלמה יאקאבאוויטש

# לאנדאנ'ס חדר

תושבי לאנדאן - פון אלע קרייזן, שליסן זיך אן אינעם קאמפיין 'אונזער חדר' לטובת **'תלמוד תורה דלאנדאן'** וועלכע דינט תושבי לאנדאן - פון אלע קרייזן, זיכער צו מאכן אז די חדר האט א קיום און קען ווייטער אנגיין טראץ די שווערע מצב

אונז לעבן ב"ה אין אן עיר החסד, וואו קאמפיינס און צדקה אקציעס זענען נישט קיין זעלטנהייט, און עס קומט רעגלמעסיג פאר גרויסע קאמפיינס פאר פילע מוסדות התורה והחינוך, וואו דער עולם רופט זיך אן ווארעם.

פארט אבער, ווען עס קומט א מוסד וועלכע דינט גאנץ יהדות לאנדאן אן קיין אויסנאם, איז פשוט אז די לאנדאנ'ער אידן שטעלן זיך אויף א זעלטן-שטארקע פארנעם, און טוען גיסן גרויס-געלט אז אזא מוסד זאל קענען ווייטער אנגיין.

אט דאס איז אונזער יעצטיגע פאל, ווען די באוואוסטע "תלמוד תורה דלאנדאן" וועלכע יעדער איד אין שטאט קען און ווייסט די וויכטיגקייט אז אזא מוסד זאל עקזיסטירן, קומט ארויס מיט א גרויסארטיגע קאמפיין צו יהדות לאנדאן, אז מען זאל זיי העלפן שלעפן דעם שווערן לאסט - וואס ווערט ווי א יאר שווערער, נעמענדיג אין באטראכט די פילע עלטערן וואס קלאפן אויף די טירן פונעם מוסד - און עס איז קלאר אז דער עולם וועט זיך צושטעלן אויף א שטארקע פארנעם.

צו הערן אביסל מער איבער תלמוד תורה דלאנדאן בכלל און איבער די יעצטיגע קאמפיין בפרט, האבן מיר זיך פארבינדן מיטן מנכ"ל המוסדות, הרה"ח ר' יעקב ראטשילד הי"ו, וועלכער פירט שוין אן מיט די מוסד פאר קנאפע 5 יאהר מיט א זעלטענע געטריישאפט, וואו ער טיילט אונז מיט, מיט פילע דעטאלן.

## א גוט יאר ר' יעקב. דער עולם איז שוין היינט פיין באקאנט מיטן 'תלמוד תורה דלאנדאן' וואס האט זיך ערווארבן א שם טוב. געבט אונז אבער אראפ אין איין ווארט וואס די תלמוד תורה איז און וואס איז איר אייגנארטיגקייט?

מען קען זאגן אז די תלמוד תורה דלאנדאן איז כשמו כן הוא, עס איז א תלמוד תורה פאר די קינדער פון לאנדאן.

עס איז ברוך השם דא היינט א שפע פון תלמוד תורה'ס אין לאנדאן אבער אין דעם הינזיכט איז די תלמוד תורה אנדערש, אז זי שטעלט זיך אהער פאר די קינדער פון לאנדאן. מיר לעבן היינט אין א מציאות אז כמעט יעדער קינד אין כלל ישראל געהערט צו א קרייז. איינער צו א חסידישער קרייז, איינער צו א בני תורה'דיגע קרייז, אבער דער רוב געהערט ערגעץ און יעדער לויט זיין שייכות וועט שיקן זיינע קינדער צו די קהילה וואו ער געהערט און מיט וועמען ער האט שייכות.

די תלמוד תורה וואס זענען שייך צו די קרייזן דעקן א גרויסער טייל פון די קינדער אין שטאט, אבער עס איז נאך אלץ געבליבן א גרויסער לאך און אסאך קינדער האבן זיך נישט געטראפן מיט קיין גוטע מסגרת וואו זייערע קינדער קענען לערנען.

נאך יארן וואס די ערשיינונג איז געווארן מער און מער האט מען באשלאסן אז מען גייט גרינדן די תלמוד תורה.

מיר אידן ווייסן אז 'כל התחלות קשות'. אין אנהייב איז טאקע געווען זייער שווער אבער ברוך ה' היינט איז עס א תלמוד תורה לשם ולתפארת. עס פארמאגט אזויפיל ווי 180 קינדער וועלכע זענען צעטיילט אין צוויי באזונדערע געביידעס, עס איז דא א גרויסער שטאב און עס איז ברוך ה' א חדר מיט אלע פיטשיווקעס.

די פארלאנג פון עלטערן וואס ווילן דא אריינשיקן איז אויסטערליש גרויס. מיר האלטן היינט ביי א מצב אז מען קען נישט נאכקומען די שטייגענדע פארלאנג פון עלטערן וואס ווילן אהער אריינשיקן די קינדער. ביי די יונגערע קלאסן איז יעדע כתה פיל ממש עד אפס מקום.

## מיר פארשטייען אז עס איז א שטאטישער מוסד - ווי אזוי שטעלט איר אוועק א מהלך פאר אזא סארט מוסד?

דו פרעגסט זייער גוט. עס איז דברים קשים שבמקדש. ווען די מוסד האט זיך געגרינדעט זענען מיר געשטיצט געווארן פון הגאון הגדול רבי יוסף פאדווא שליט"א. ער האט אונז געמוטיגט און נאך ביז היינט באגלייט ער דער מוסד אויף טריט און אויף שריט.

בשעתו איז אויך אוועקגעשטעלט געווארן שטרענגע תקנות פאר ווער עס קען זיך אנשליסן אין דער מוסד און ווער נישט.

לעבנדיג אין א טעכנאלאגישע וועלט וועט מען פאדערן פון די עלטערן אז זיי זאלן זיין אויסגעהאלטן טעכנאלאגיש לויט די דעת תורה וואס באגלייט זיי.

אויף נאך א הינזיכט לייגט מען א שטארקער געוויכט און דאס איז איבער די מלמדים. שוין פון די ערשטע טאג האט דער חשוב'ער מנהל שליט"א קלארגעשטעלט אז די מלמדים אין די תלמוד תורה דארפן זיין פון די סאמע העכסטע שיכטן פון כלל ישראל.

מען פאדערט אז די מלמדים זאלן נישט האבן די מינדעסטע צוטריט צו קיין שום קלוגע טעלעפאנען, אז זיי זאלן זיין געווייקעטע חסידי'שע אינגעלייט, אמת'ע בני תורה, מיט א הבנה צו קינדער.

דער עצם זאך אז מען לייגט א דגוש אז די מלמדים זאלן זיין חסידיש און טראגן א חסידי'שער געשטעל גיט אסאך צו צום יסוד פון די תלמוד תורה, אז מען זאל וויסן וואו אהין מען צילט און וואס מען וויל ארויסגעבן פון אונז.

## א שטיקל בילד אויף דער געבוי פון די תלמוד תורה האבן מיר שוין. יעצט לאמיר אריבערגיין צו רעדן פון די פירות וואס איך געט ארויס - דער עולם באוואונדערט עס, לאמיר הערן וואספארא רעצעפט האט איר, אז איר געבט ארויס אזעלכע שיינע און פרוכטיגע פירות?

עס איז פשוט אז מען קען נישט אנווייזן אויף איין ספעציפישע אינגרידיענט, עס איז א צוזאמשטעל פון פילע פאקטארן וואס ברענגען צוזאמען צו אזא אויסערגעווענליכע הצלחה בס"ד.

די יסוד פון אלע הצלחות איז אבער לענ"ד די אמת'דיגקייט און ריינקייט פונעם מטרה. ווי געזאגט איז דער חדר דא צו העלפן פילע קינדערלעך מתושבי עירנו וועלכע קענען נישט טרעפן קיין צווייטע מוסד. קיינער פון די גרינדערס און פירערס פונעם מוסד האבן נישט קיין שום זייטיגע אינטערעסן דערין; מען דארף נישט בויען קיין חסידות, עס איז נישט צו דינען א געוויסע קרייז.

די איינציגע מטרה איז אז יעדער קינד אין לאנדאן זאל האבן א חדר! עס זאל נישט זיין קיין מציאות אז א טאטע זאל זיך לייגן שלאפן ביינאכט מיט די זארג און צאפל אז מיין זון ווערט שוין באלד דריי יאר און איך האב נישט וואו אים צו שיקן.

כ'וועל דיר זאגן נאך מער, און נעם דאס גוט אריין אין קאפ ווייל ס'איז עפעס וואס איז הונדערט-פראצענט אמת: **אין תלמוד תורה דלאנדאן געבט מען זיך אפ מיט די קינדער אז די קינדער זאלן גוט אויסוואקסן און נישט אז די נאמען פונעם חדר זאל שיין אויסוואקסן..**

## ווייזט אויס אז וויבאלד דאס איז די מהלך, טאקע דערפאר האט די חדר יא באקומען אזא שיינעם נאמען...

## וואס קענט איר אונז זאגן וועגן די עצם וועג וויאזוי דער חדר ווערט געפירט?

א גרויסע חלק פון די הצלחה פונעם תלמוד תורה איז אן קיין שום ספק צו פארדאנקען דעם מנהל שליט"א.

ווען מיר האבן געעפענט דער מוסד האבן מיר געלייגט אסאך געוויכט צו טרעפן א פאסיגער מנהל וואס זאל אוועקשטעלן די יסודות פון די חדר. ווי געזאגט איז דער חדר אייגנארטיג. אנדערש ווי געווענליך ווען די חדרים געהערן צו א געוויסע קרייז איז אונזער מוסד, ווי דערמאנט. און טאקע צוליב דעם האט זיך אויסגעפעלט אז מען זאל טרעפן דער פאסיגער מנהל און מן השמים האט מען אונז אונטערגעשיקט דער חשוב'ער מנהל **הר"ר חיים יצחק שעכטער** הי"ו און ברוך השם אז בעסער ווי אים האבן מיר נישט געקענט טרעפן.

דער מנהל שליט"א פירט די חדר ביד רמה און דער שם טוב פון די חדר הילכט אפ, אז מנהלים פון אנדערע חדרים קומען צו אונזער מנהל זיך שואל עצה צו זיין איבער זיין מהלך און דרך אין חינוך און ווי אזוי מען פירט א חדר לשם ולתפארת.

## אז איר דרייט זיך אין חדר, גלייב איך אז דו ווייסט אביסל איבער די לימודים. קענסטו אונז איבערגעבן איבער די לימודים בכלליות און איבער ספעציפישע זאכן וואס מען לערנט מיט די קינדער?







מען לייגט אריין זייער שטארקע כוחות אין די לימודים. ווי איר זאגט טו איך נישט אינעם רוחניות חלק, אבער פארט קומט אסאך אויס מיטצוהאלטן וואס טוט זיך אין דעם הינזיכט און איך ווער אליינס נתפעל, כ'געדענק נישט אין מיינע יארן זאל מען אזויפיל משקיע זיין דערין.

כ'וועל דיר געבן איין דוגמא פון חומש רש"י, וואו מען לייגט א שטארקע דגוש דערויף. מיר לערנען חומש רש"י אויפן סדר. דער לערנען אויפן סדר מיינט אין אנדערע ווערטער אז אינדערצייט וואס אין די וועלט איז אנגענומען אז מען לערנט לויט די פרשה, מאכן מיר זיכער אריבערצוגיין די גאנצע פרשה מהחל ועד כלה.

דער סדר איז שוין היינט דא אין אסאך ערטער. די מעלה פון אזא סארט מהלך איז, אז די חומש רש"י ווערט א לימוד. מען לערנט א פרשה בשלימות און שפעטער קען מען





מאכן אויף איר א בחינה און ווער רעדט נאך ווען מען ענדיגט א חומש, דאן קען מען זיכער מאכן דערויף א פארהערער אדער א סיום.

ווען מען ענדיגט א חומש ווי למשל אז מען האט געענדיגט חומש בראשית מאכט מען דערויף א גרויסער סיום מיט א טראסק. מען מאכט א סעודה אין א זאל, די עלטערן קומען און מען פארהערט די קינדער. מען מאכט עס אזוי אז די זאך זאל זיין א גרויסארטיגער פראיעקט און די קינדער זאלן האבן א חשק און א מעגליכקייט עס צו קענען בשלימות.

לגבי די בחינות איז מען אויך זייער שטארק. דער מנהל הר"ר חיים יצחק שליט"א פארהערט די קינדער וואך איין וואך אויס די חומש און די גמרא. אזוי ארום קען ער מיטהאלטן מיט די קינדער און וויסן וואס עס פעלט זיי אויס אז זיי זאלן קענען אויסשטייגן און זיך פארבעסערן אין די לימודים.

דער מנהל זאגט אייביג, אז ביי אונז איז דער פארהערער נישט א שטראף, עס איז א צייט זיך אהערצושטעלן מיט די קענטעניסן. די קינדער קוקן ארויס אויף דעם ווייל נאך א וואך פון לערנען ווילן זיי ווייזן וואו זיי זענען אנגעקומען.

א באזונדערע - גאר שטארקע - לימוד ביי אונז איז דאס לערנען די שרשים פון ווערטער. מיר לייגן אריין אומגעהויערע כוחות און הארעוואניע אז די קינדער זאלן קענען די ווערטער. אבער מען לערנט נישט בלויז די 'עברי טייטש' פון א ווארט, מען צונעמט יעדן ווארט ביזן שורש, אזוי אז דער אינגל זאל וויסן פינקטליך וואס די טייטש איז און פארוואס דאס איז אזוי, וכו' וכו' אלע כללים.

דאס פאדערט שווערע כוחות סיי פון די געטרייע מלמדים, ווי אויך פון די קינדער, אבער מען קען זאגן קלאר אז דאס צאלט זיך אויס! נעם היינט יעדער כתה ו' - ז' אינגל פון 'תלמוד תורה דלאנדאן', עפן אים א סידור און הייב אים אן צו פארהערן די פירוש המילות, וועסט ערשטוינט ווערן פון די רעזולטאטן; יעדער אינגל קען צווישן 90 און 100 פראצענט פון די טייטש!!

## וואס טוט זיך מיט א 'סענקא' פאר קינדער וואס דארפן מער הילף? פארמאגט איר אן אייגענע סענקא אדער שיקט איר ארויס צו דרויסנדיגע מומחים?

מיר פארמאגן א העכסט פראפעסיאנאלע סענקא, מיט געלונגענע מומחים און טעראפיסטן אויף אלע נושאים וואס קען זיך אויספעלן ביי חדר-אינגלעך. עס איז היינטש שוין ב"ה א באקאנטע זאך אז מיר פארמאגן פון די בעסטע סענקאס דא אין שטאט.

עס איז דא איינער וואס פירט די סענקא, און די מלמדים זענען אין שטענדיגע פארבינדונג מיט אים, זיכער צו מאכן אז דער וואס דארף הילף באקומט עס אויף א באלדיגע אופן, אזוי ארום זיכער צו מאכן אז די פראבלעם ווערט נישט גרעסער און ווי פארשטענדליך ווי פריער מען הייבט אן צו מטפל זיין אין א פראבלעם קען עמן שנעלער פטור ווערן דערפון און זיכער מאכן אז דער קינד גייט צוריק ארויף אויף די ריכטיגע רעלסן.

צומאל מאכט זיך פעלער ווען מען דארף ארויסשיקן א קינד פאר דרויסנדיגע הילף, וואס דאן איז אונזער סענקא אין פארבינדונג מיט די ריכטיגע מענטשן און באגלייטן דעם קינד אפילו ווען ער איז אינדרויסן, זיכער צו מאכן אז די הילף וואס ער באקומט איז פאסיג און ווירקזאם.

## אצינד לאמיר הערן איבער די יעצטיגע קאמפיין 'אונזער חדר'. אויף וואס איז דער קאמפיין און וואס וויל מען ערריכן?

לאמיר מאכן א שטיקל הקדמה. אונזער מוסד האט זיך געגרינדעט מיט דרייצן יאר צוריק, דורך עסקנים און אידן מיט א ווארעם הארץ, וועלכע האבן ווי געזאגט עס געעפנט מיטן איינעם ציל צו זיכער מאכן אז קיין איין אינגל אין לאנדאן בלייבט נישט אויפן גאס.

צווישן די גרינדער איז געווען די חשוב'ע אידן **הרה"ח ר' מענדל געלדצעהלער שליט"א** און **הרה"ח ר' משה בצלאל האלפערט שליט"א**. די צוויי אידן שעוסקים בצרכי ציבור באמונה, זענען געווען די עמודי התווך פון דער מוסד און האבן עס באגלייט פון די ערשטע טאג און ווען עס האט זיך אויסגעפעלט אז מען זאל דעקן געוויסע לעכער זענען זיי געווען דא עס צו דעקן.

אבער מיט די יארן איז דער מוסד געוואקסן, עס איז געווארן גרעסער און גרעסער און מען איז אנגעקומען צו א מצב אז עס איז אוממעגליך אז עטליכע יחידים זאלן אויפהאלטן א מוסד אויף אזא פארנעם.

אין די לעצטערע תקופה האב איך די זכי' ארומצוגיין יעדע נאכט צוזאמען מיט הרה"ח ר' מענדל געלדצעהלער שליט"א צו נדיבים בעם, וועלכע שליסן זיך אן ווארעם פאר 'אונזער חדר' - פאר די חדר וועלכע דינט מיר מיט דיר און יעדן איינציגסטן איינוואוינער דא אין שטאט.

דער עולם רופט זיך טאקע אן ווארעם, אבער עס איז אין הקומץ משביע את הארי, עס איז ווייט נישט גענוג דאס ארומגיין אביסל ביינאכט נאך געלט צו קענען דעקן א מוסד אויף אזא פארנעם און מיט אזא ריזיגן בודזשעט.

אין פאקט האלט מען היינט ליידער אויף א מצב אז פאר גאנצע צ-ו-י-י ח-ד-ש-י-ם האט מען שוין נישט באצאלט די מלמדים זייער ערליך-פארדינטע געהאלט. דאס האט ווי פארשטענדליך א שטארקע אפעקט אויף די מלמדים, וועלכע זענען בני תורה וואס זייער גאנצע הכנסה באשטייט פון זייער מלומדות געהאלט.

די מלמדים גייען טאקע אן מיט א שטארקייט טראץ די שווערע לאגע. זעענדיג די געטריישאפט פון די הנהלה פרובירן זיי צו ממשיך זיין און ארייננהארעווען אין די קינדער תורה ויראת"ש, אבער יעדע זאך האט א שיעור, עס איז פשוט נישט יושר אז די איבערגעגעבענע מלמדים זאלן נישט קענען באקומען זייער געהאלט צייטליך יעדע וואך.

זעענדיג אז עס איז נישט דא קיין צווייטן אויסוועג, האבן מיר באשלאסן ארויסצוקומען מיט א שטארקן קאמפיין צו תושבי לאנדאן, וועלכע וועלן זיך אן קיין שום ספק אנשליסן פארן חדר וואס באדינט אלע איינוואוינער אזוי געטריי. עס לאזט זיך זאגן אז עס איז נישט דא קיין איין איד דא אין לאנדאן וואס איז נישט באקאנט מיט כאטש איינעם פון זיינע נאנטע וועלכער שיקט די קינדער אין 'תלמוד תורה דלאנדאן'.

דעריבער ווערט זיך יעדער אן אויסנאם אנשליסן אינעם קאמפיין און געבן גרעסערע געלטער אז די חדר זאל קענען ווייטער אנגיין.

דער קאמפיין ווערט פארקומען קומענדיגע מיטוואך און דאנערשטאג פנחס, און מיר צילן צו ארייננברענגען 250,000 פונט, וואס דאס וועט בעז"ה העלפן לינדערן די שווערע מצב אינעם תלמוד תורה און העלפן צו אנגיין ווייטער מיט די עבודת הקודש.

און איך רוף דא טאקע צו יעדן יחיד מתושבי עירנו: **ביטע שליסט אייך אן ווארעם ביים קאמפיין, העלפט אונז זיכער מאכן אז יעדער אינגל אין לאנדאן איז מסודר מיט א חדר און בלייבט נישט חלילה אויפן גאס.**

## דעם מיטוואך און דאנערשטאג וועלן מיר אלע שטיצן 'אונזער חדר' - תלמוד תורה דלאנדאן!



sbsbriven@gmail.com
Unit 4 2a Northfield Road, N16 5RN
Fax: 020 3670 3882
Tel: 020 39 815 815 Ext. 6

## ווער האט געכאפט דעם בילד?

**לכבוד המערכת 'שבת בשבתו'**

איך האב שטארק הנאה געהאט צו זען אין אייער אויסגאבע פאריגע וואך די שיינע צוגעלייגטע בילד ביי די 'ווער געדענקט' קאלום אין Waterloo Station אפווארטנדיג הרה"ק מסאטמאר זי"ע.

דעם בילד האב איך אליין אפגעכאפט. שטייענדיג דארט אלס קינד, און דערזעענדיג ווי מיינע רבי'ס הגאון רבי אליקים שלעזינגער שליט"א, און להבחל"ח גאב"ד ירושלים זצ"ל שטייען צוזאמען און ווארטן אויפן גרויסן גאסט, האב איך פאראייביגט די מינוטן לזכרון עולם.

דאס איז געווען געציילטע מינוטן פאר דער רבי זצ"ל איז אנגעקומען.

דער אנדער איד וואס מען זעט אינעם בילד איז הר"ר שלמה פולאק ז"ל.

*א יישר כח פארן ארויסגעבן דעם בריוו*

*רפאל הכהן שפיצער*

## פאַרן האלידעיס אן מנין?

לכבוד מערכת 'שבת בשבתו', 'ואלין מיליא' אפטיילונג

איך האב געוואלט מעורר זיין איבער א וויכטיגע ענין, בנוגע אוועקפארן האלידעיס צו פלעצער וואו עס איז נישט דא קיין מנין.

פאלגנד שרייב איך די לשון פונעם 'שבט הלוי' זצ"ל (שו"ת שבה"ל, ח"ו סי' כ"א אות ג') און האפנטליך וועט עס ברענגען אן אויפוואכונג ביים ציבור זיך גוט איבערצוטראכטן פאַרן פאָרן אויב עס איז מותר, און לכה"פ פרעגן א דיין פאַרן פאָרן.

שרייבט ער אזוי: "...דאם נוסעים רק לתענוג בעלמא – דאיסור קעבדי.. דסוף סוף גורם לבטל קדושת ה' בעשרה קדיש קדושה וברכו ועניית האמנים ועוד, ולבטל זה שלא לצורך פשיטא דאיסורא עביד" – אין אידיש: אויב פארט מען בלויז פאר הנאה טוט מען אן איסור, ווייל סוף סוף איז מען גורם צו מבטל זיין אלע קדושות וואס מען דארף דערביי צען מענטשן; קדיש, קדושה, ברכו און אמנ'ס, און דאס צו מבטל זיין אן קיין צורך איז פשוט אז דאס איז אן איסור.

ווי אויך שרייבט ער אין חלק ח' (סימן ס"ח) איבער מכשולות וואס קומען ארויס דערפון, עיי"ש.

בזכות תפילה בציבור זאל מען זוכה זיין אז אונזערע תפילות זאלן אנגענומען ווערן. ווי עס שטייט אין רמב"ם: "ותפילת הציבור נשמעת תמיד אפילו יש בהן חוטאין" – די תפילה פון א ציבור ווערט שטענדיג געהערט אפילו עס איז דא צווישן זיי זינדיגע, "ואין הקב"ה מואס בתפילתן של רבים" – און דער באשעפער פאר'מיאוס'ט נישט קיין תפילה פון א רבים. אזוי אויך שטייט אין גמרא אויפן פסוק "ואני תפלתי לך ה' עת רצון" זאגט די גמרא "אימתי עת רצון בשעה שהציבור מתפללים" – ווען איז אן עת רצון, ווען דער ציבור דאוונט.

און מען זאל אויך זוכה זיין צו דאס וואס שטייט (ספר שמירת הלשון ח"ב חתימת הספר פ"א) אז מיט תפילה בציבור איז מען זוכה צו מקבל זיין פני השכינה און מען עסט די פירות אויף די וועלט און מען איז זוכה צו אריכות ימים. אכי"ר.

*המודע נ.ב.*

## תיקון נומער

לכבוד די רעדאקציע פון 'שבת בשבתו'

פאריגע וואך איז אריינגעפאלן א קליין טעות, ווען ביי די נומער פון 'עינים' טעלעפאן ליין איז געשטאנען צום סוף א 6 אנשטאט א 3 (די ריכטיגע נאמבער איז: 03330-150-723), ווי אויך האב איך געזען אז ביי די גרויסע סיין וואס עינים האט געהאנגען ביים שטח פון באבוב-45 איז אויך געווען די זעלבע טעות.

אז מען רעדט שוין וויל איך זיך באדאנקען פאר די וואס פירן אן מיטן נייעם שמירת עינים אויפוואכונג דא אין לאנדאן, שכרם הרבה מאוד, עס געבט א געוואלדיגע חיזוק אין שמירת עינים, וואס איז ספעציעל וויכטיג אין די יעצטיגע זומער טעג.

*ישר כח פארן ארויסגעבן די תיקון*

*א.נ.*

## צוגעלייגטע שוועריגקייטן פארן פרישן יונגערמאן

לכבוד המערכת 'שבת בשבתו'

א גרויסן יש"כ פארן פאבליצירן בריוון איבער די נושא פון חתונה מאכן. (הערת המערכת: ליינט די וואך א ברייטע אינטערוויו מיט הר"ר יהושע הנשטטר הי"ו איבער די נושא.)

נאך מער ווי אדורכשטיפן די פינאנציעלע שוועריגקייטן פון חתונה מאכן, און בפרט אין א פאל וואו מ'דארף נאך העלפן און צוזאמשטעלן (וואס דאס איז ביי א גרויסע פראצענט), קומט נאך צו א הוצאה וואס איז שווער צו פארטראגן.

חתן-כלה דארפן א דירה. חוץ פון די שוועריגקייט פון טרעפן אן ארנטליכע דירה (וואס האט נישט קיין דאמפע ווענט אדער שימל און וואו מ'קען זיך אביסל נארמאל ארומדרייען) קומט די איבערגעטריבענע רענט, ווען חתן-כלה דארפן צולייגן בערך 120-100 פונט א וואך מער ווי די רעגירונג געבט, און זי פארדינט נישט מער ווי אכט פונט א שעה, און ס'איז נאך דא בילס מיט אנדערע טעגליכע הוצאות – ווי אזוי קען מען דאס באווייזן??

ווען עס מאכט זיך א פאל וואס די עלטערן פון בידע זייטן האבן אויך נישט [נישט ווילן נישט, נאר האבן נישט], וואס איז דער עצה דערצו?

עס ענדיגט זיך אבער נישט דארט. אויב געהערט דער פרישער יונגערמאן צו א ספעציפישע קהילה/חסידות אדער סתם א מתפלל אין א ביהמ"ד, קומט יעדע מאנטאג און דאנערשטאג צו התחייבות'ן. דערנאך איז דא די ספעציעלע חסד ארגאניזאציעס וועלכע זענען שיין מחליט אז יעדער זאל זיך אונטערנעמען נאר כך וכך א חודש/יאר, און יעדע צדקה-צוועק איז 'זייער' וויכטיג און איז א יחיד פאר זיך.

דער יונגערמאן וועלכער חלש'ט צו בלייבן לערנען ווייל ער איז אן ערנסטער יר"ש און בן תורה, וואס פלאגט זיך צו דעקן רענט, ווי אזוי קען ער זיך אויך צושטעלן צו די כסדר'דיגע פארלאנגען פון די 'וויכטיגע צוועקן'?

אויב האט איינער פון אייערע ליינער א פראקטישע געדאנק קען דאס אפשר ארויסהעלפן פילע אידישע שטיבער.

*א גרויסן יש"כ מיט ברכת הצלחה און שפע פאר אלעמען.*

# #137

# ווער געדענקט?!

די ליינער קענען אריינצוגעבן אינפארמאציע אויף די בילדער דורך:
לאזן א **מעסעדזש** אויף שבת בשבתו טעלפון סיסטעם
020 39 815 815 #5

**אריינפאסטן** אין שבת בשבתו לעטער באקס
Unit 4, 2a Northfield Road,
London N16 5RN

שיקן אן **אימייל** צו:
sbsvergedenkt@gmail.com

אזוי אויך בעהט מען פון די ליינער זיי זאלן אריינשיקן
אינטערסאנטע בילדער להנות בהם בני אדם




## ענטפער פון ווער געדענקט #135

אין דעם שיינעם בילד זעט מען די מחותנים און קרובי המשפחה זיך באטייליגן ביי די שמחת הקבלת פנים, איידער די חופה פון המנוח הרה"ח ר' **צבי חנוך זינגער ע"ה** (נפ' ב' תמוז). די חתונה איז פארגעקומען אין Stoke Newington Town Hall, אום חודש אב תשכ"ז.




מען דערקענט צווישן זיי:

1) אבי החתן - הר"ר **יעקב זינגער** ז"ל
2) אבי הכלה הר"ר **יהושע העשיל זאנענשיין** ז"ל
3) הרה"ג ר' **שלמה זלמן ווייס** שליט"א רב ביהמ"ד שערי טוביה ירושלים
4) הר"ר **משה גרינהוט** הי"ו
5) הרה"ח ר' **משה דוד שטראס** ז"ל
6) הר"ר **גרשון הלוי אבעלעס** ז"ל
7) הר"ר **פסח פאבריקאנט** ז"ל
9) הר"ר **שמואל גבריאל גליק** הי"ו
10) הר"ר **ישעי' גליק** הי"ו
11) הר"ר **יאשקאה גרינוואלד** ז"ל
13) הר"ר **חיים ידידיה גליק** הי"ו
14) הר"ר **אברהם בארד** הי"ו
15) הר"ר **שלמה שטראה** ז"ל
16) הר"ר **ישי שווארץ** ז"ל

פארזעצונג #02




# הרה"ק רבי צמח צרפתי פון טוניזיע

**טייערע לעכטיגע קינדערליך!**

מען האלט יעצט דא, אז דער גוי, די קנעכט פון דער בעקער האט געענדיגט די ארבעט נאך א וואך צייט. הונדערט פערציג ריאלים (טוניסיע געלט), ער האט אים נאך געגעבן א טיפ, און אזוי גיבט ער אים די גאנצע געלט אין א זעקעלע, ער פארמאכט אים צוריק זיינע אויגן און פירט אים ארויס צוריק אינדרויסן.

דער סוחר זאגט אים: זיי מיר מוחל, איך מוז עס אזוי טוהן, איך וויל דאך נישט זאלסט וויסן וויאזוי מען קומט אן צו די פלאץ! ער האט אים אזוי צוריק אריינגעפירט אין שטאט און די קנעכט איז צוריקגעגאנגען ארבעטן אין די בעקעריי.

**אין א שיינעם טאג הערט ער ווי מען קלאפט אויס אין שטאט אז עס איז דא אן אויספארקויף פון א שיינע הערליכע פאלאץ אינדרויסן פון שטאט.** ווער עס צאלט די מערסטע, וועט זוכה זיין צו קויפן די פאלאץ!



די אידישע געסלעך אין טוניזיע - איבער 100 יאר צוריק

אזוי גייט ארום איינער וואס ער קלאפט אויס אויף א טאץ אויף א גרויסע טאפ. באנג באנג! און רופט אויס מיט צאמגעדרייטע פאפיר.

ער הערט און טראכט צו זיך: איך מוז וויסן אביסל מער וועגן דעם, עס איז מיר אינטערעסאנט צו הערן די נייעס. ער זעט מענטשן שמועסן צווישן זיך און ער הערט אז עס איז עפעס א פרעמדע מענטש, א סוחר וואס האט געוואוינט אינדרויסן פון שטאט אין א שיינע פראכטפולע הויז, ער האט גארנישט איבערגעלאזט ווער עס זאל אים ירש'ענען. האט די רעגירונג איבערגענומען זיין הויז און מחליט געווען צו פארקויפן אזויוי עס שטייט און גייט און ווער עס באצאלט די גרעסטע פרייז, ער וועט עס קויפן! דא גייט פארקומען א גרויסע ליציטאציע פון די הויז.

**די באדינער פון די בעקער האט זיך געכאפט**, ווער ווייסט, אפשר איז עס די הויז

פון וואס איך הער נישט אויף צו טראכטן פון דעם א גאנצן טאג פון די מענטש פון די געלט וואס איך האב געציילט דארטן? ער טראכט צו זיך, איך מוז דאך האבן עפעס געלט אויך! וויאזוי גיי איך עס קענען קויפן אויב עס איז די הויז? און אזוי טראכט ער אז ער וועט ארויסגיין צו די גרויסע ליציטאציע, ער וועט מיטנעמען עפעס געלט וואס ער האט. קודם וויל ער זעהן פון וועלכע הויז מען רעדט. איך גיי פרובירן מיין מזל, מיין גליק און איך וועל זעהן צי עס וועט מיך געלונגען אדער נישט.

ער קומט אן דארטן אינדרויסן פון שטאט לויט די אנווייזונגען וואס מען האט געזאגט וואו די הויז שטייט. ער ווערט פארגאפט צו זעהן אז מען רעדט פון די הויז, נישט מער און נישט וויניגער, דאס איז די הויז ווי ער האט דארטן געוווען און געציילט קעסטלעך פון געלט! ער האט געוואוסט אז ער האט נישט די וועג אריין צום קעלער און ער האט נישט קיין אהנונג וויאזוי מען קומט אן אהין ווייל ער איז געווען מיט פארבינדענע אויגן, אבער ער האט געטראכט צו זיך: איך האב יא אפגעציילט די טרעפן ווען איך בין געגאנגען און איך געדענק אז מען האט געמאכט נאכדעם א רעכטס, נאכדעם איז מען געגאנגען צוויי דריי ברייטע טרעפ נאכדעם איז מען געגאנגען א לינקס מיט אסאך קליינע טרעפן, **נאכדעם איז מען געגאנגען א רעכטס א לאנגע קארידאר, נאכדעם איז געווען טרעפן ארויפצוגיין,** נאכדעם איז געווען דריי אראפ, נאכדעם האט ער מיך געדרייט שנעלערהייט איך זאל נישט כאפן וועלכע וועג עס גייט, און פון דארטן איז מען געגאנגען גראד ווייטער, אקעי דאס וועט מען שוין פרובירן.

ער טראכט צו זיך: אוי, איך מוז דאס קויפן! עס מוז זיין אז דער ראבינער ארבעט מיט זיין הימלישע וועג אז איך זאל האבן גאלד אזוי שווער ווי די ברעט איז. אזוי ווי ער האט מיך צוגעזאגט. יעצט גייט זיין ברכה ווערן מקויים!

און אזוי קוקט ער צו צו די הויז. עס שטייען דארטן אלע גרויסע סוחרים, חשוב'ע עלעגאנטע גויים וואס גייען עס פרובירן אפצוקויפן. זיי האבן שוין נעכטן געקויפט הייזער דא, פעלדער דארט, אקסן קיען, פערדן, שיפן, שטייט זיך דארטן א קנעכט פון א בעקער אויך...

די ליציטאציע הייבט זיך אן. טויזנט ריאלים פאר די פאלאץ. נו רופט זיך אן א צווייטע סוחר דארטן: איך געב טויזענט פינף הונדערט ריאלים. א צווייטע אלטע אויסגעקראכענע הייבט אויף זיין שטעקן און ער ווייזט צוויי טויזענט. און אזוי גייט עס, מען האלט שוין ביי פינף ווען פלוצלינג הערט מען נישט מער נישט וויניגער, ווי די קנעכט פון די בעקער גיבט א שריי: צעהן טויזענט ריאלים בין איך גרייט צו געבן אפצוקויפן די פאלאץ.

דער וואס פארקויפט וואס שטייט דארטן אין די הייעך פון די רעגירונג מיט די האמער'ל און קלאפט, קוקט אים אן, **צעהן טויזענט ריאלים?**

יא, איך האב עס געזאגט און איך בין גרייט צו באצאלן פאר דעם צעהן טויזענט ריאלים!

ער קוקט זיך ארום, און אלע קוקן, וואס? די ארעמע קנעכט גייט באצאלן צעהן טויזענט ריאלים? יא, ווען דא וועט וואקסן האר (אויף די פלאכקייט פון די האנט...), פון וואו וועט ער האבן דאס געלט? אבער ער זאגט אז ער וועט עס באצאלן. צעהן טויזענט ריאלים צום ערשטן מאל, **קיינער האט נישט געהאלטן ביים גיין העכער, צום צווייטן מאל, קיינער וויל נאכאלס נישט, צום דריטן מאל, זכה לו!!!!**

האסט עפעס איינגאבע געלט?



די אידישע קווארטל אין איסטאנבול טערקיי




די וועג וואס הרה"ק רבי צמח צרפתי איז געפארן - פון טוניזיע קיין טערקיי און דערנאך קיין ארץ ישראל

יא, ער האט ארויסגענומען די פאר ריאלים וואס ער האט געהאט באקומען דארטן פאר זיין ארבעט, ער האט זיך עס געהאט אוועקגעלייגט און גיבט עס איבער.

ביז מארגן ווערסטו ברענגן דאס איבעריגע.

יא יא!! ביז מארגן אינדערפרי ווערסטו האבן יעדע ריאל, יעדע פרוטה ווערסטו האבן, עס וועט דיך גארנישט פעלן!

**ער באקומט די שליסלעך**, אזוויי יעדער איז זיך שוין צוגאנגען, הייבט ער אן אריינצוגיין אין פאלאץ. ער פרובירט צו געדענקן די טרעפ וואס ער איז געגאנגען, עס איז אים געלונגען זיך צו דערמאנען די גאנצע וועג בלינדערהייט! אזוי גייענדיג אראפ די טרעפ דערמאנט ער זיך די ברכה וואס דער צדיק האט אים געזאגט: "דו ווערסט האבן אזויפיל געלד וויפיל עס וועגט די שווערע ברעט!"

אזוויי ער קומט אן אונטן האט ער געמיינט אז ער חלש'ט אוועק! אלע קעסטלעך זענען נאך געלעגן אויפ'ן פלאץ וואו ער האט עס געלייגט! אלעס איז געווען אנגעפילט מיט גאלדענע מטבעות! ער האט נישט געקענט קומען צו זיך! אלע געלטער וואס ער האט אפגעציילט האט פון דעם גארנישט געפעלט!

**אזוי האט דער אויבערשטער געפירט אז די ברכה פונעם הייליגן רב, אז איך זאל ווערן אן עושר איז מקיים געווארן!**

ער האט זיך גענומען טאנצן פון פרייד! זיינע אויגן האבן געגלאנצט פון די גאלדענע מטבעות וואס זענען געליגן דארטן פול מיט קעסטלעך אויף קעסטלעך.

גלייך אינדערפרי איז ער געקומען מיט די פעקל מיט די איבעריגע געלט וואס ער האט אראפגענימען פון איין קעסטל, און מיט דעם האט ער שוין געענדיגט באצאלן די גאנצע ריזיגע הויז.

ער האט אנגעהויבן צו טראכטן א פלאן אז קיינער זאל נישט וויסן וואס דא גייט פאר. ער האט מחליט געווען אז ער גייט אריבערפירן די גאנצע פארמעגן זייער שטילערהייט צו אן אנדערע לאנד, פון טוניסיע קיין טערקיי, **אריבער צו די הויפט שטאט אין טערקיי** דארטן וועט ער זיך אריבערציהען אין די שטאט איסטאנבול. דארטן קען אים קיינער נישט, ער וועט אנקומען ווי א נייע סוחר, מאכן גוטע געשעפטן, קיינער וועט אים נישט פרעגן פון וואו ער האט זיין פארמעגן, ער איז שוין אן עושר פון טוניסיע, גיי ווייז אויף אז נישט!

אזוי האט ער טאקע דאס גאנצע פארמעגן אריבערגענומען אהין, און פארקויפט נאכאמאל די הויז. ער האט עס שוין נישט געדארפט האבן. ער איז אריבערגעגאנגען וואוינען קיין איסטאנבול, די הויפט שטאט פון טערקיי וואו ער האט זיך געקויפט א פאלאץ. ער האט זיך גענומען האנדלען, מאכן גרויסע געשעפטן, א גרויסע ביזנעס מאן א חשוב'ער שר איז ער אין טערקיי.

אזוי זענען אריבער אסאך יארן.

**דער הייליגע רב פון טוניסיע ר' צמח צרפתי דער מקובל האט באשלאסן אין זיינע עלטערע יארן** זיך אריבערצוציהען מאכן אן עליה צום הייליגן לאנד ארץ ישראל און דארטן אויסלעבן די יארן.

ער האט צאמגענומען זיינע זאכן מיט אפאר באגלייטער'ס מיט זיין משפחה. אלע מענטשן פון שטאט זענען געווען זייער צובראכן, אז דער געטליכע רב לאזט זיי איבער. ער איז שוין געווען דעמאלסט אלט. זיי האבן אים באגלייטן ביזן שיף פון האַפן פון טוניסיע פון וואו ער לאזט זיך ארויס. אזוי האבן זיך אלע זייער ווארעם געזעגנט און די רב איז געבליבן מיט זיינע באגלייטער'ס, ארויף אויפ'ן שיף און געפארן אין א מזל'דיגע שעה קיין ארץ ישראל. די וועג נעמט א שיינע פאר וואכן ביז מען קומט אן.

אינמיטן וועג שטעלט מען זיך אפ אין טערקיי, איסטאנבול, דארטן מאכט מען א סטאפ אויף אפאר טעג, כדי זיך אנצופילן מיט פרישע עסן און וואסער, צו קענען פארזעצן די וועג (גראדע אויב מען קוקט אויפן מאפע שטימט עס נישט, ווייל ארץ ישראל איז ממש רעכטס פון טוניסיע, עס איז דא אפילו א מעגליכקייט צו פאר דורך די יבשה. ווייטער מיטן שיף צו פארן קיין טערקיי מאכט מען ממש א אומוועג, אבער מעגליך



דער ציון פון הר"ק רבי צמח צרפתי זי"ע



די מארק פלאץ אין איסטאנבול טערקיי

אז מען איז בכלל נישט געפארן די גאנצע צייט מיט דעם שיף נאר פשוט אריבערצופארן די ים קיין איטאליע און אזוי ווייטער. קען זיין אפילו צוליב די גרעניצן איז נישט מעגליך געווען אנדערש צו פארן קיין ארץ ישראל. אבער אויף דעם זאגט מען די שפריך-ווארט "א קשי' אויף א מעשה").


רבנים און מקובלים אין טוניזיע פאר איבער 100 יאר צוריק

דער רב קומט אראפ פון דער שיף און ער איז גלייך געגאנגען וואו עס וואוינען די אידישע משפחות. ער האט געוואלט פארברענגען די פאר טעג צווישן אידן. די אידן האבן זיך זייער געפריידט אז דער רב ר' צמח צרפתי איז דא און אזוי איז די רב געגאנגען אויף די גאס מיט זיינע באגלייטער.

אינמיטן גייט אדורך זייער א חשוב'ער שר, א פערזענליכקייט, ער האט אפילו אויסגעקוקט ווי א קעניג אביסל, ווייל אין טערקיי גייט יעדע גוי אנגעטון מיט שיינע קליידער, מען ווייסט נישט ווער עס איז די קעניג און ווער עס איז די קנעכט...

**די רב גייט און זעהט נישט, דער רב קוקט דאך אראפ אויף די ערד,** וועט פלוצלינג זעען די צוויי גבאים ווי דער חשוב'ער שר קומט צו לויפן צום רב און בוקט זיך צו אים, ער קושט אים זיינע הענט.

די רב איז זייער דערשראקן געווארן: וואס וויל דער גוי פון מיך? וואס האב איך מיט אים צו טון, וואס פאלט ער צו מיך צו די ערד?

דער שר רופט זיך אן: הייליגע רב, איר דערקענט מיך נישט?

די רב קוקט אים אן, אנטשולדיגט...

איך בין דאך געווען דער בעקער'ס באדינער וואס האט געוואוינט קעגן אייער שטוב, איך האב פאר אייך אנגעצינדן די ליכט'ל פיר מאל. אין אייער זכות וואס איר האט מיך געוואונטשן איך זאל האבן אזויפיל גאלד ווי שווער די ברעט איז, איז מקויים געווארן, און אט בין איך רייך און חשוב און איך האב גאלד אזוי שווער ווי די ברעט!

אזוי? דער רב האט זיך זייער באוואונדערט. דער שר האט באגלייט דעם רב צו זיין פאלאץ ווי ער וואוינט, ער האט אויפגענומען דעם רב, און האט געשמועסט מיט'ן רב, דער רב האט אים געזאגט אז ער פארט יעצט קיין ארץ ישראל און ער האט נישט קיין געלט און אז אין ארץ ישראל וואוינען זייער ארימע אידן.

**דער גוי האט צוגעזאגט צו שוקן יעדע חודש אסאך געלט קיין ארץ ישראל פאר'ן רב** און פאר אסאך אידן זאלן קענען לעבן רואיג אן קיין דאגות פון קיין געלט, און זיצן און לערנען.

און די רב האט אים יעדע שטיק צייט געשיקט בריוון אים צו באדאנקן, און די גוי האט אסאך טובות געטון פאר אידן, און אזוי איז ער טאקע נאר מער רייכער און חשוב'ער געווארן.

**אזוי זעהט מען די מורא'דיגע זכות פון איינער וואס ער העלפט נאר איינער וואס זאל קענען לערנען תורה, אוודאי און אוודאי קינדערלעך קען מען זעהן די שכר, דאס איז נאר די שכר פאר א גוי וואס האט געהאלפן פאר די רב זאל קענען לערנען, און וואס האט ער געדארפט טוהן, אוועקנעמען די ברעט, אנצינדן נאכאמאל די לעכט, איין מאל צוויי מאל דריי מאל פיהר מאל, פיין, וואס האט ער שוין באקומען פאר דאס? רייכקייט אויף א מורא'דיגע פארנעם!**

**קען מען זיך אוודאי פארשטעלן די שכר פאר'ן לערנען אליינס, און ווען עס קומט אן שווער, די קאפ טוט אביסל וויי, אדער מען מיינט אז עס טוט וויי אדער עס טוט עכטיג וויי, אדער ווען די חבר שטערט און ער לאזט נישט און ער זאגט עפעס אריין אין אויער, אדער ווען עס איז זייער הייס אדער ווען די עירקאנדישן בלאזט געפערליך און עס איז שרעקליך קאלט, עס איז שרעקליך, און אפילו אלע אנדערע זאכן, לערנט מען יא, עס איז אסאך שווערער ווי די ברעט וואס די גוי האט געשלעפט אסאך שווערער און זיך שטארקן אויף די יצר הרע און לערנען, לפום צערא אגרא לויט וויפיל צער מען האט לויט דעם באקומט מען באצאלט שכר פי כמה אסאך אסאך אסאך טויזענט מאל מער.**

**די 312'טע יארצייט פון הרה"ק רבי צמח צרפתי זי"ע איז געווען פורים קטן, ער איז נפטר געווארן אין יאר ה'תע"ב, ת.נ.צ.ב.ה.**

**קינדערלעך! לאמיר זיך מחזק זיין אין לערנען! אונז גייען דאך באקומען אזוי פיל שכר, אסאך אסאך מער פון דעם שר, נישטא קיין נומערן צו זאגן, אפילו טריליאנען מאל מער איז ווייניג געזאגט, און דער אויבישטער זאל טאקע העלפן מיר זאלן אלע האבן שכל און גוט אויסנוצן די צייט, און געבענטשט ווערן מיט אלע ברכות פון די תורה, און מיר זאלן שוין קענען אנטקעגן גיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.** ש



פארזיכער
דיין פלאץ
מאנטאג
דברים
ר"ח אב
אין יסודי
התורה
זאל
דראמאטישע
מינוטן
מיט דער
מחנך
הרב
לייביש ליש
שליט"א
תומכי
שבת
זכרון יעקב • לונדון
שטעל צוזאם £60 פאר תומכי שבת
און באקום דיין קארטל

# א געזונטע אווענט

## די שפאגל נייע מעדיקעל צענטער עפענט איר פודהאנג

## ספעציעלע מענער אווענט



הערט א וויכטיגע דרשה איבער
פילע **געזונטהייט פראבלעמען** דורך
אונזערע בארימטע GP

**דר. אלישע כהן נ״י**

Lead GP at the Refuah Medical Centre



א געלעגענהייט צו מיטהאלטן אן
**ערשטע-הילף** קלאס איבערגעגעבן
דורך די בארימטע מומחה

**קעווין קאדרון**

Advanced Paramedic Practitioner at London Ambulance Service

א לעבעדיגע פאנעל מיט שאלות
ותשובות איבער **העלט אינשורענס** מיט
די באקאנטע אינשורענס בראוקער

**הר״ר ראובן דוד מענדעלאוויטש הי״ו**

Senior adviser at Park Hill Health Insurance



האלט מיט א שטארקע שמועס איבער
ענקזייעטי דורכ'ן וועלט-בארימטע
מומחה **ברפואת הנפש**

**יעקב בארד נ״י**

MSc (CBT), PG Dip (counselling), BABCP (Accred), AREBT (Accred)

**אן איינמאליגע-געלעגענהייט צו געניסן פון אן
אומזיסטע אונטערזיכונג דורך די געניטע שטאב פון
רפואה דאקטוירים צו פארזיכערן די מצב הבריאות**




**ווארעמע מאכלים
וועט זיין ציגעשטעלט**

ליל שישי
פרשת פנחס
י״ט תמוז

Refuah
Medical Centre

Tactic.